בעזהשי"ת

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

וַיִּגַּשׁ

תשע"ט

היכל הקודש

## הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
## אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

**א שידוך האט נישט צו טון צי מען האט א געהעריגע משפחה אדער נישט.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת וישב, י״ט כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

יישר כח פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל העלפן אז אין דעם זכות זאלסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א שידוך האט נישט צו טון צי מען האט א געהעריגע משפחה אדער נישט, אויך האט עס נישט צו טון צי די עלטערן האבן געלט אדער נישט, א שידוך האט נאר מיטן אייבערשטן.

דעריבער זאלסטו זיך שטארקן מיט דיין אמונה אינעם אייבערשטן, זאלסט גלייבן באמונה שלימה אז דער אייבערשטער פירט די וועלט און האט פאר דיר א גוטע שידוך אויב דו וועסט זיך דערהאלטן און ווייטער לערנען און דאווענען.

זיי מחזק דיין מאמע תחי׳; זי איז א וואוילע פרוי און איז אסאך אריבער אין איר לעבן צרות יגון ואנחה, יעצט דארפסטו איר ברענגען נאר נחת און איר שטארקן. וויפיל דו זארגסט זיך פאר דיין שידוך - נאך אסאך מער וויינט זי פאר דיר; זאלסט איר שטארקן און פרייליך מאכן, אין דעם זכות וועסטו האבן א שיין לעבן.

...

~~~~~~~~~~~

**מיט איין שמייכל קענסטו טוישן יענעמס גאנצע טאג.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת וישב, י״ט כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיינע בריוו; שרייב מיר נאך, איך בין זיך ממש מחי׳ מיט יעדע בריוו וואס דו שרייבסט מיר. הגם איך קום נישט אן דיר צו ענטפערן ווייל איך בין זייער טרוד מיט די בחורים וכו׳ וכו׳, אבער איך ליין יעדע בריוו דיינע און איך בין זיך מחי׳ מיט דיינע חידושי תורה.

הלוואי זאלסטו אפשרייבן אלע דיינע חדושי תורה וואס דאס איז זייער א חשוב׳ע זאך, אזוי ווי דער הייליגער רבי האט געזאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן קה) אז טראכטן חדושי תורה איז א גרויסע תיקון פאר טראכטן שלעכטס.
~~~~~~~~~~~

העיקר מה שקורין "זיך דערהאלטן" - האט דער הייליגער רבי געזאגט; ווי אזוי מעסט מען אויבן אין הימל דאס גרויסקייט פון א איד? מען זעט ווי אזוי ער דערהאלט זיך און דינט ווייטער דעם אייבערשטן אפילו עס גייט דורך אויף אים שווערע ביטערע נסיונות.

אלס איינער וואס שטייט אין א געשעפט, אין א גראסערי - טראגסטו א גרויסע אחריות צו שענקען א שמייכל פאר יעדן איד וואס קומט אריין אינעם געשעפט; מיט איין שמייכל קענסטו טוישן יענעמס גאנצע טאג.

א גרויסן יישר כח פארן העלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל העלפן אז אין די זכות פון די מצוה פון צדקה זאלסטו האבן הצלחה אין אלע ענינים.

שטארק זיך און דערהאלט זיך.

...

~~~~~~~~~~~

**פרייליך איז נאר דער וואס לערנט תורה.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת וישב, י״ט כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ליבער ... נרו יאיר.**

יעדן אינדערפרי בין איך זיך מחי׳ צו זיצן אין ישיבה און לערנען מיינע שיעורים כסדרן; עס איז שָא שטיל, עס איז נישט דא קיין גרודער, ווייל נישט אלע בחורים קומען פרי אין ישיבה - נאר געציילטע בחורים און דו ביסט איינער פון זיי, וואס דו שטייסט אויף גאר פרי אז דו זאלסט נאך קענען קומען פון בארא פארק און זיין ביי די גמרא שיעור אין בבלי און אין ירושלמי; איך האב דיר זייער ליב, דו ביסט א טייערע בחור.

איך וויל דיר נאכאמאל בעטן זאלסט מיט האלטן די שיעור אין הלכות שבת; איך האב אויפגענומען א אינגערמאן וואס זאל פארלערנען פאר פינף און פערציג מינוט. אז מען לערנט הלכות שבת קען מען היטן שבת; מען קען חתונה האבן און פירן א אידישער שטוב, מה שאין כן אויב מען לערנט נישט הלכות שבת איז נישט מעגליך צו היטן שבת, אזוי ווי דער הייליגער צדיק רבי יונתן אייבשיץ זכר צדיק לברכה שרייבט (יערות דבש חלק ב׳, ב): "ווער עס האט נישט דורכגעלערנט הלכות שבת אפאר מאל איז נישט מעגליך ער זאל נישט עובר זיין אויף הלכות שבת", עיין שם.
~~~~~~~~~~~

גיי נישט נאך די בחורים וואס לערנען נישט; יעצט זעט "אפשר" אויס כאילו זיי מאכן א לעבן, זיי האבן א סעלפאון און רייכערן וכו' וכו', אבער באמת איז פרייליך נאר דער וואס לערנט תורה.

נאך אביסל וועסטו טרעפן א גוטע שידוך און אויפשטעלן א אידישע שטוב.

א גרויסן יישר כח פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן צושטייער געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין דעם זכות זאלסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**די גרויסקייט פון צדיקים וואס פארלירן זיך נישט אפילו בעת צרתם.**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת וישב, י"ט כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

איך דאנק דיר פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין דעם זכות זאלסטו האבן הצלחה אין אלע ענינים.

היינט איז זייער א גרויסער טאג, אינעם היינטיגן טאג איז דער הייליגער בעל התניא זכותו יגן עלינו באפרייט געווארן פון תפיסה.

מוהרא"ש פלעגט אונז שטענדיג דערציילן דעם סיפור פון זיין באפרייאונג; דער הייליגער בעל התניא האט זיך נישט פארלוירן זייענדיג אין תפיסה און איז שטענדיג געווען דבוק צום אייבערשטן, געווען איז דאס בשעת ער האט געזאגט מזמורי תהלים און ווען ער האט געהאלט אינמיטן קאפיטל נה ביי פסוק יט וואס הייבט זיך אן מיט די ווערטער: "פָּדָה בְשָׁלוֹם" איז מען אים געקומען באפרייען פון תפיסה; ער האט דעמאלט מחבר געווען א ניגון אויף די ווערטער "פָּדָה בְשָׁלוֹם" (וואס מען זינגט נאך עד היום אין חב"ד).

זעט מען פון דעם דאס גרויסקייט פון צדיקים, אז אפילו בעת צרתם פארלירן זיי זיך נישט, נאר בלייבן צוגעקלעבט צום אייבערשטן.

איך האב זייער אסאך געוויינט צום אייבערשטן פאר דיר אז דו זאלסט ארויסגיין פון דיין צרה; ברוך ה', ברוך הוא וברוך שמו אז דו ביסט ניצול געווארן פון דיין ביטערע צרה, דארפסטו מאכן א יום טוב להודות ולהלל אויף די חסדים וואס דער אייבערשטער טוט מיט אונז.
~~~~~~~~~~

שטארק דיר און ווער נישט צעפאלן; דו וועסט נאך זוכה זיין צו דאס וואס שטייט: "גָּדוֹל יִהְיֶה כְּבוֹד הַבַּיִת הַזֶּה הָאַחֲרוֹן וכו'" (חגי ב, ט); דו וועסט זוכה זיין אויפצושטעלן א שיינע ווארימע ערליכע שטוב בקרוב ממש.

פון דיין ראש ישיבה וואס בעט פאר דיר און האט דיר זייער ליב.

...

~~~~~~~~~~

**זיך שטארקן ווייטער מיט'ן רבינ'ס עצות.**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת וישב, י"ט כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**מרת ... תחי'.**

איך וויל איר זאלט וויסן אז איר האט א טייערער מאן נרו יאיר; ער קומט יעדן אינדערפרי דאווענען אין ישיבה, איך שטיי און איך וואונדער זיך ווי שטארק ער האלט זיך מיט זיין דאווענען און לערנען, אויך שבת זע איך אים לערנען אין ישיבה; איך האב נחת פון אים.

שטארקט אייך ווייטער מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן; געבט א קוק די ניסים וואס דער אייבערשטער טוט מיט אייך, איר האט ליכטיגע קינדער, מען געבט זיך איין דריי און מען האלט שוין ביים חתונה מאכן די קינדער.

אז איר וועט ווייטער מחנך זיין די קינדער מיט יראת שמים וועט איר האבן גרויס נחת פון זיי ווען זיי וועלן אויפוואקסן.

וואס איר דארפט זאלט איר בעטן דעם אייבערשטן; אסאך מאל נעמט אביסל צייט ביז מען זעט ווי די תפילות פועל'ן, אבער ביים סוף ווערט יעדע תפלה אנגענומען ביים אייבערשטן.

א דאנק אייך פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל ענק העלפן אז אין דעם זכות זאלט איר מצליח זיין אין אלע ענינים.

פון דער ראש ישיבה.

...

~~~~~~~~~~

**ווען נישט דעם רבינ׳ס עצות, איז די ווייב שולדיג אין אלע שוועריקייטן.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת וישב, י״ט כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

א גרויסן יישר כח פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן צושטייער געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין זכות פון די מצוה פון צדקה זאלסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

איך האב זייער הנאה דיר צו זען לערנען בהתמדה רבה אזוי ווי אין דיינע ערשטע יארן ווען דו ביסט מקורב געווארן; א מחי׳ צו זען א אינגערמאן זעצט זיך אוועק אין ישיבה לערנען משניות אויפן סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי׳ן.

די הייליגע חכמים זאגן (מנחות ק.) אויפן פסוק (מלאכי א, יא): ״וּמִנְחָה טְהוֹרָה״, אז דאס מיינט מען א מענטש וואס לערנט תורה, ״נושא אשה״, קודם האט מען חתונה, ואחר כך לומד תורה״, און נאכדעם לערנט מען תורה; ווייל נאך די חתונה האט מען מער נישט קיין שלעכטע מחשבות, מען איז ריין, אויף דעם אופן קען מען לערנען תורה ריינערהייט.

יעצט אז דו האסט שוין ברוך ה׳ חתונה געהאט איז די בעסטע צייט אין לעבן צו לערנען.

ווען איך האב זיך דערוויסט פונעם רבינ׳ס ״סדר דרך הלימוד״ נאך מיין חתונה, איז ממש געווען ביי מיר ביטול הבחירה; איך בין געזיצן און געלערנט זייער פלייסיג, איך פלעג זאגן א גאנצע סדר משניות א טאג און צענדליגער בלעטער גמרא. דאס איז געווען בשנת תשס״ה - פיר יאר נאך מיין חתונה; דאס איז א תקופה ווען מען האט נאכנישט קיין טרדות, די קינדער זענען נאך קליין וכו׳, מען האט שוין א זויבערע קאפ וכו׳ וכו׳ - ממש א מחי׳.

דעריבער אז איך זע דיר אויסנוצן די צייט פריי איך מיר זייער.

טייערער ליבער ... נרו יאיר, דו האסט באקומען א מתנה א טייערע ווייב תחי׳, און נאך אביסל ביסטו שוין א טאטעלע, דארפסטו דאנקען דעם אייבערשטן אויף די גרויסע נסים וואס ער טוט מיט דיר. זאלסט שטענדיג געדענקען ווען דו ביסט געווען א בחור אין וואלד און ווי דער אייבערשטער האט דיר געשיקט די זיבן בעטלערס וועלכע האבן דיר געגעבן ברויט און דיר חתונה געמאכט.

זע צו העלפן דיין ווייב, בפרט אין די יעצטיגע טעג ווען זי ווארט וכו׳, די טעג זענען שווערע טעג פאר א פרוי - בפרט אין אנהייב וכו׳, דארף מען זען צו העלפן אין שטוב; אסאך מאל דארף מען אליינס קאכן עסן אדער אהיימברענגען עסן וכו׳.

איך דאנק דיר פאר אלעס וואס דו העלפסט מיר; אלע וואס העלפן די מוסד זע איך אין דעם זייער ״הכרת הטוב״, אז זיי געדענקען וואס די מוסד האט געטון פאר זיי. דאס וואס איך טו, איך ארבעט טאג און נאכט מיט בחורים, אינגלעך און מיידלעך, אינגעלייט און ווייבלעך וכו׳ וכו׳ אן קיין שום אינטערעסע, דאס טו איך נאר ווייל איך געדענק וואס דער רבי האט געטון מיט מיר.

איך קום יעצט פון הייליגן רבינ׳ס ציון; איך בין צוויי מאל געווען אין אומאן. מיר זענען אוועק געפארן פון אומאן פינף אזייגער פארטאגס צו כאפן די פליגער עלעף אזייגער פארמיטאג, אינמיטן וועג האבן מיר באקומען א ידיעה אז דער פליגער פארט הערשט אכט אזייגער ביינאכט, זענען מיר צוריק געפארן קיין אומאן; יעצט זיץ איך אין ערפארט פון אכט אזייגער, ווייל פון אכטע האט זיך עס אפגעשטופט אויף עלעף אזייגער ביינאכט.

וואס מיינסטו האב איך געטון אין אומאן? איך האב געזאגט פארן רבי׳ן איין זאך: ״רבי, יישר כח פאר מיין לעבן!״ דאס האב איך איבערגעזאגט נאכאמאל און נאכאמאל ווען טרערן פון שמחה זענען מיר גערינען פון מיינע אויגן. אויך אין יבנאל האב איך דאס געזאגט פאר מוהרא״ש: ״יישר כח מוהרא״ש פאר מיין לעבן״; איך וועל מיין גאנץ לעבן ווייטער משמש זיין מוהרא״ש און דעם רבי׳ן - דערציילן פאר יעדן איינעם פון די זיסע לעבן וואס דער רבי געבט אונז.

איך וויל דיר דערציילן א מעשה וואס מיר האבן יעצט געהאט אין עירפארט; מיר זיצן דא שוין פאר לאנגע שעות, איך, מיין ווייב און מיינע דריי עלסטע קינדער; דער פליגער פארט נישט און שטופט זיך אלץ אפ מער און מער, אזוי זיצנדיג רוף איך זיך אן פאר מיין ווייב און איך זאג איר: ״ווען איך בין ווען נישט מקורב צו מוהרא״ש וואלסטו געווען שולדיג אז דער פליגער האלט זיך אין איין אפשטופן״; מיינע קינדער קוקן מיר אן און פארשטייען נישט וואס איך רעד, וואס האט צו טון מוהרא״ש מיט די פליגער-פארשפעטיגונג מיט מיין ווייב?! האב איך זיי פרובירט מסביר צו זיין ווי אזוי מענטשן לעבן, אז אפילו די ווארילע מענטשן וואס האבן כלומ׳ריש שלום בית איז דאס ווילאנג אלעס גייט מער וויינגער אויפן סדר היום, אבער ווען עפעס גייט ארויס פון זייער וועג - ווער איז שולדיג? די ערשטע איז שולדיג די ווייב, און אויב די ווייב לאזט זיך נישט

כאפן די קינדער; בקיצור מיינע קינדער האבן דאס נישט געוואלט פארשטיין, ברוך ה׳ אז זיי וויסן נישט וואס איך רעד.

עס גייט נישט אריבער מער ווי אביסל צייט און עס קומט אן א משפחה - א מיטליעריגער איד מיט זיין ווייב און קינדער, אינמיטן באמערקט דער איד אז ער האט פארגעסן זיין רעקל און מאנטל אין שטוב, ער איז געוועזן אנגעטון נאר מיט א מעיל (רעגן מאנטל); דער איד הייבט אן שרייען אויף זיין ווייב: ״וואו איז מיין רעקל? ווי אזוי וועל איך קענען גיין אין גאס?!״ זיין ווייב האט זיך אנגעהויבן צו פארענטפערן אז זי האט געמיינט אז ער האט אן זיין רעקל אונטערן מעיל, און ער שרייט אויף איר: ״וואס רעדסטו? שוויג!״ בקיצור מיינע קינדער קומען צו צו מיר און זאגן מיר אז יעצט פארשטייען זיי שוין וואס איך האב פריער געזאגט פאר מאמי אז ווען נישט מוהרא״ש וואלט זי געווען שולדיג אינעם פארשפעטיגונג; דאס געדענק איך און דערפאר וועל איך במשך מיין גאנצע לעבן ווייטער ממשיך זיין צו פארשפרייטן פאר אלעמען די שיינע עצות און ווי שיין מען קען לעבן דורכן הייליגן רבי׳ן.

ווי פריער דערמאנט קום איך יעצט פון רבינ׳ס ציון; איך ווייס נישט צי איך זאל לאכן אדער וויינען,ביים ציון זיצן אורחי פורחי, אלע וואס קומען זיך נישט אויס מיט די ווייב אדער די וואס האבן זיך פארפלאנטערט מיט חובות און האבן געדארפט אנטלויפן - די זיצן דארט, עס פעלט א ראש בית וואס זאל זיי אלעמען פארטרייבן פון דארט, אזוי ווי רבי אברהם בן רבי נחמן פלעגט פארטרייבן די אלע וואס פלעגן זיך אריין זעצן אין אומאן, ער פלעגט זיי זאגן: ״אומאן איז נישט קיין ערי מקלט; אז דו קומסט זיך נישט אויס מיט דיין ווייב איז נישט אומאן דאס פלאץ וואו צו קומען״; האב איך געזען די גרויסע נס וואס דער אייבערשטער האט געטון מיט מיר אז איך בין מקורב געווארן אין היכל הקודש - קודש קדשים.

באמת האט מיר דאס צוריק געהאלטן פון מקורב ווערן צו ברסלב, ווייל פון אלץ יונג בחור׳ל האב איך געצויגן צו ברסלב, אבער ביז איך האב נישט געפונען דעם ספר ״אשר בנחל״ וואס זאל מיר אויסקלארן וואס ברסלב איז, האב איך נישט געקענט נעמען ברסלב.

איך האב דיר נאך אסאך וואס צו שרייבן, אבער איך זיץ נישט דא באקוועמערהייט ביי א טיש און בענקל, איך שטיי ביי א קאונטער וואו מען טשעקט אריין, דא שרייב איך, דעריבער דארף איך מקצר זיין.

דער אייבערשטער זאל דיר געבן כח ווייטער ממשיך צו זיין מיט דיינע גוטע מעשים; יעצט קומט דער יום טוב חנוכה, וואס מיר גייען לויטן שיטת בית הלל צו זיין

"מוסיף והולך", מען דארף אלץ פארמערן נאך נירות, נאך ליכטלעך, נאך פעולות אז נאך אידן זאלן וויסן אז דער אייבערשטער פירט די וועלט.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

פון דיין ראש ישיבה וואס האט דיר זייער ליב און ווארט פאר דיין הצלחה.

...

~~~~~~~~~~

**ווי אזוי מאכט מען פרייליך די ווייב?**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת וישב, י"ט כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

א דאנק פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל העלפן אז אין דעם זכות זאלסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

איך זיץ יעצט אין ערפארט אין קיעוו פאר לאנגע שעות; דער פליגער האט זיך אפגעשטופט פאר כמעט פופצן שעה. זיץ איך דא און איך טראכט פון מיינע תלמידים שיחיו, ביסטו מיר אריינגעקומען אין מחשבה און איך האב זיך דערמאנט פון דעם ענין וואס מיר האבן גערעדט דעם פארגאנגענעם וואך וכו'.

וויסן זאלסטו אז ווען מען איז מכבד די ווייב און מען רעדט שיין צו איר - דאס מאכט איר פרייליך, אלע אנדערע זאכן זענען נאר פרטים וואס דארף איר פרייליך מאכן, אבער דער עיקר ווענדט זיך עס ווי אזוי מען רעדט און ווי אזוי מען רעכנט זיך מיט אירע געפילן.

נאך א זאך וואס מאכט פרייליך די ווייב, דאס איז ווען זי זעט אז איר מאן פירט זיך בדרך התורה; ער דאווענט דריי מאל א טאג מיט מנין, ער מאכט שיינע שבת סעודות, חנוכה צינדט ער די מנורה און זינגט דערביי זמירות וכו' וכו', אלעס אנדערש איז צייטווייליגע זאכן.

דערפאר אז דו זוכסט א וועג פרייליך צו מאכן דיין ווייב, זאלסטו זיך מחזק זיין אין עבודת ה' און נישט מוותר זיין אויף קיין שום הלכה און קיין שום מנהג; בעפאר דו גייסט שלאפן זאלסטו ליינען קריאת שמע און אנגרייטן "נעגל וואסער", אזוי אויך זאלסטו שלאפן מיט א קאפל - דאס וועט איר פרייליך מאכן.
~~~~~~~~~~

... טייערער, דו האסט א טייערע ווייב, דאנק און לויב דעם אייבערשטן אויף די מתנה.

א ליכטיגן חנוכה.

...

~~~~~~~~~~~

**ווי מער מניעות, אלץ מער איז מען מקבל פון צדיק.**

**בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת וישב, י"ט כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן**

**לכבוד מיין ליבער טייערער ... נרו יאיר.**

יישר כח פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל העלפן אז אין די זכות פון די מצוה פון צדקה זאלסטו האבן הצלחה אין אלע ענינים.

נעם זיך נישט צום הארצן די גאנצע פרשה וואס דו גייסט אריבער מיט דיין טאטע וכו'; דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן קפה): "כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ יְגִיעוֹת וְטִרְחוֹת יוֹתֵר בִּתְחִלַּת הַהִתְקָרְבוּת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, דְּהַיְנוּ שֶׁיֵּשׁ לוֹ מְנִיעוֹת רַבּוֹת וּגְדוֹלוֹת, כְּגוֹן מֵאָבִיו וְאִשְׁתּוֹ וְחוֹתְנוֹ אוֹ מִשְּׁאָר בְּנֵי אָדָם שֶׁמּוֹנְעִים וּמְעַכְּבִים אוֹתוֹ מְאֹד וְכוּ', וְהוּא צָרִיךְ לְהִתְיַגֵּעַ וְלִטְרֹחַ מְאֹד לְשַׁבְּרָם, כָּל אֵלּוּ הַיְגִיעוֹת וְהַטְּרָחוֹת שֶׁיֵּשׁ לוֹ בִּתְחִלַּת הַהִתְקָרְבוּת, הֵם טוֹבָה גְּדוֹלָה לְהָאָדָם, כִּי עַל יְדֵי זֶה זוֹכֶה אַחַר כָּךְ לְקַבֵּל הַרְבֵּה קְדֻשָּׁה וְטָהֳרָה, כִּי עַל יְדֵי הַיְגִיעוֹת שֶׁבַּתְּחִלָּה נַעֲשֶׂה הַכְּלִי וְכָל מַה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ יוֹתֵר יְגִיעוֹת וְטִרְחוֹת וְכוּ' יֵשׁ לוֹ כְּלִי גָּדוֹל בְּיוֹתֵר לְקַבֵּל אַחַר כָּךְ בְּתוֹכוֹ שֶׁפַע קְדֻשָּׁה וְטָהֳרָה לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", ווי מער מניעות מען האט ווען מען ווערט מקורב, אלץ מער איז מען זוכה צו מקבל זיין פונעם צדיק; די מניעות זענען כלים לקבל השפע של הצדיק.

פון היינט אן זאלסטו וויסן אז דו האסט א נייע משפחה, דיין משפחה באשטייט פון: "דו, דיין ווייב און קינדער"; אוודאי דארפסטו פרובירן ווייטער צו מכבד זיין דיין טאטע און מאמע, אבער אז דיין טאטע וויל נישט רעדן צו דיר האט דאס גארנישט צו טון מיט דיר. דו פראביר אים צו רופן, און אז ער וויל נישט רעדן צו דיר זאלסטו בעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל שוין שיקן אליהו הנביא זאל ברענגען שלום אויף דער וועלט, אזוי ווי די הייליגע חכמים זאגן (משנה עדיות ח, ז): "אֵלִיָּהוּ בָּא ... לַעֲשׂוֹת שָׁלוֹם בָּעוֹלָם".

יעצט קומט דער הייליגער יום טוב חנוכה; ווען דו צינדסט די מנורה זאלסטו זיך מאכן א חשבון הנפש ווי פאר נישט לאנג צוריק ביסטו געווען אן אפגעריסענער בחור
~~~~~~~~~~~

א מצפה לשלחן חבירו וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ביצה לב:) אז "עוֹלָם חָשַׁךְ בַּעֲדוֹ". און יעצט האסטו ברוך ה' אן אשת חיל מיט ליכטיגע קינדער, דו האסט וואו אהיימצוגיין, דו האסט מיט וועם צו שמועסן און דו האסט א ווארימע הויז, דעריבער זאלסטו זינגען און טאנצן "להודות ולהלל לשמך הגדול על נסיך ועל נפלאותיך ועל ישועתיך".

...

~~~~~~~~~~

**הכנסת אורחים איז זייער גרויס, אבער נישט אויף די ווייב'ס חשבון.**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת וישב, י"ט כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ליבער ... נרו יאיר.**

הכנסת אורחים איז זייער א גרויסע מצוה; די הייליגע חכמים זאגן (שבת קכז.): "גְּדוֹלָה הַכְנָסַת אוֹרְחִים מִקַּבָּלַת פְּנֵי שְׁכִינָה", עס איז גרעסער ווי קבלת פני השכינה; איז וואויל איז דיר אז דו נעמסט יעדע שבת בחורים זאלן עסן ביי דיר די סעודות, בפרט די בחורים וואס האבן נישט קיין שטוב, זיי שטייען אוןווארטן יעדע וואך נאכן דאווענען צו טרעפן א פלאץ וואו צו עסן. אלע ווילן עסן ביי מיר אבער איך קען נישט נעמען מער ווי צוויי דריי געסט ביי א סעודה, איז זייער גוט אז אלע מתפללים נעמען אהיים אפאר געסט.

געב אכטונג אז עס זאל נישט גיין אויף דיין ווייב'ס חשבון; דו קענסט נישט הייסן דיין ווייב זי זאל גיין עסן אליינס אין קאך און דו מיט די געסט זאלן עסן אין שבת שטוב, מען קען דאס נישט טון. אויב גייט דאס אזוי אז ווען עס קומען געסט דארף דיין ווייב ארויסגיין אין קאך - זאלסטו ענדערש נישט נעמען געסט.

אויך דארפסטו זען עס זאל זיין מיט א צייט; מאך דיר א צייט בערך ווי לאנג דו מאכסט די סעודה, נאכדעם בענטש, געזעגן דיר מיט אלע טייערע געסט און בלייב שמועסן מיט דיין ווייב.

מען דארף האבן שכל ווי אזוי צו טון מצוות ומעשים טובים.

איך האב מורא'דיג הנאה יעדעס מאל דו קומסט צום גמרא שיעור, "דאס איז דאך די חיות פונעם טאג" - (לשון פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו).

יישר כח פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן צושטייער געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל העלפן אז אין דעם זכות זאלסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.
~~~~~~~~~~

...

~~~~~~~~~~

**דער אייבערשטער שיקט רמזים אז נאר ער פירט די וועלט.**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת וישב, י"ט כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

איך דאנק דיר פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין דעם זכות זאלסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א גרויסן יישר כח פארן מיר אינזין האבן אין ערפארט אין קיעוו; דו האסט געברענגט עסן פאר מיר, מיין ווייב און קינדער. אין דעם זכות פון אונז מחי' זיין זאל דער אייבערשטער דיר מחי' זיין.

דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן נב) אז מען דארף ארויסנעמען פון יעדע זאך און פון יעדע נייעס התחזקות און רמזים אין עבודת ה'; פון דעם וואס מיר זיצן דא אין ערפארט שוין באלד פופצן שעה זעט מען אז א מענטש קען גארנישט טון. "רַבּוֹת מַחֲשָׁבוֹת בְּלֶב אִישׁ (משלי יט כא)" זאגט שלמה המלך; א מענטש קען זיך מאכן פלענער ווען צו גיין און ווען צו קומען, אבער אין איין רגע קען ער פארווארפן ווערן אין א פלאץ אן עסן און אן קליידער וכו' וכו'.

די רמזים שיקט דער אייבערשטער טעגליך פארן מענטש כדי ער זאל זיך נישט איינרעדן אז (דברים ח, יז): "כֹּחִי וְעֹצֶם יָדִי עָשָׂה לִי אֶת הַחַיִל הַזֶּה", נאר ער זאל וויסן און אנערקענען (דברים ח, יח): "כִּי הוּא הַנֹּתֵן לְךָ כֹּחַ לַעֲשׂוֹת חָיִל", דער אייבערשטער פירט די וועלט.

נאכאמאל: "תנוח דעתך שהנחת את דעתי ואת דעת אשתי ובני ביתי".

...

~~~~~~~~~~

**דער אייבערשטער באצאלט דיר פאר'ן העלפן די מוסדות.**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת וישב, י"ט כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ליבער תלמיד ... נרו יאיר.**

יישר כח פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין דעם זכות זאלסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

יעצט האט מיר האברך ... נרו יאיר דערציילט אז דו האסט באצאלט פאר מיר א טיקעט פאר די וועג אהיים פון אומאן נאך ראש השנה תש"פ הבא עלינו לטובה. אין דעם זכות זאלסטו האבן גרויס שפע.

קוק ווי דער אייבערשטער באצאלט דיר פאר אלעס וואס דו טוסט פארן מוסד און פאר אנשי שלומינו; דער אייבערשטער האט דיר געגעבן טייערע קינדער קיין עין הרע, וואס איך הער כסדר פון די טיטשערס און מלמדים אז זיי זענען אויסנאם וואוילע קינדער, בפרט דיין עלטסטע טאכטער איז די אויסגעצייכנסטע תלמידה פון איר קלאס;ביידע אירע טיטשערס זאגן דאס, אז זי איז דרך ארץ'דיג און האלט מיט די לימודים אזוי ווי עס דארף צו זיין.

דער אייבערשטער זאל דיר געבן די כוחות ווייטער ממשיך צו זיין מיט אלע דיינע פעולות ביתר שאת וביתר עוז און שעפן נחת געזונטערהייט פון אלע דיינע קינדער צוזאמען מיט דיין ווייב תחי'.

...

~~~~~~~~~~~

**א גוטע זאך קומט נישט אן גרינג.**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת וישב, י"ט כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

איך זיץ יעצט אויפן פליגער אויפן וועג אהיים פון אומאן.

זייענדיג אין אומאן בין איך געווען קוקן דעם נייעם בנין אין אומאן; פון איין זייט טוט מיר וויי צו זען ווי דער בנין איז נאר האלב געבויעט און עס קומט מיר אן אזוי שווער דאס צו ענדיגן וכו', אבער פון די אנדערע זייט זע איך ווי עס בויען זיך בנינים מופלגים אין אומאן, יעדער בויט און יעדער האט געלט בשעת וואס מיר מוטשען זיך אזוי שטארק אויף יעדע איינציגע פרוטה, דאס איז א סימן אז עס איז א גוטע זאך, ווייל א גוטע זאך קומט נישט אן גרינג.

איך שרייב דיר דאס אלעס ווייל דו ביסט דער איינציגסטער וואס ברענגט מיר געלט צו קענען ווייטער בויען דעם בנין. אבער איך בין גארנישט באזארגט, איך וועל מיטן אייבערשטנס הילף ענדיגן דעם בנין נאך היי יאר.
~~~~~~~~~~~

ווער עס גלייבט נישט אין תפילה זאל קומען קוקן דעם בנין אין אומאן; מיר געפונען אין די גמרא (תענית כד:): פלימו האט געזאגט: "אֲנִי רָאִיתִי אוֹתוֹ הַבַּיִת וְהָיוּ קוֹרוֹתָיו יוֹצְאוֹת אַמָּה לְכַאן וְאַמָּה לְכַאן, וְאָמְרוּ לִי 'בַּיִת זֶה שֶׁקִּירָה רַבִּי חֲנִינָה בֶּן דּוֹסָא בִּתְפִלָּתוֹ'"; געננוי דאס וועט ער קענען זאגן אויפן בנין אין אומאן וואס מען האט געבויעט מיט תפלה. עס ליגט שוין אינעם בנין סחורה אין ווערד פון איבער א מיליאן דאללער; פון וואו דאס געלט קומט ווייס איך נישט, אבער עס איז א מציאות.

יישר כח פאר דיין הילף און אן עקסטערע יישר כח פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין דעם זכות זאלסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**זייט מיר מוחל אויף דעם וואס איך האב אייך וויי געטון.**

**בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת וישב, י"ט כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן**

**מרת ... תחי'.**

איך דאנק אייך פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל העלפן אז אין דעם זכות זאלן ענק מצליח זיין אין אלע ענינים.

איך טראכט זייער אסאך אז איך בין שולדיג אין דעם אז איר זענט געווארן וויי געטון פון מיר יארן צוריק, און זייט דעמאלט האט איר א שווער הארץ אויף מיר. איך האב אייך דעמאלט געשריבן א בריוו אז איך בעט פון אייך מחילה; יעצט נאכדעם וואס עס איז שוין אריבער אזויפיל יאר און איך הער נישט פון אייך וויל איך אייך נאכאמאל בעטן: "זייט מיר מוחל אויף דעם וואס איך האב אייך וויי געטון און זייט מיר דן לכף זכות".

איך בעט פאר אייך און פאר אייער מאן יעדן טאג אז איר זאלט מצליח זיין און אויפשטעלן א שיינע שטוב.

איך זיץ יעצט אינעם עראפלאן אויפן וועג צוריק פון א נסיעה ביי מקומות הקדושים אין אומאן און אין ארץ ישראל; איך האב אסאך געבעטן פאר אייך און פאר אייער מאן ביים ציון פון מוהרא"ש. מוהרא"ש האט דאך אזויפיל גערעדט מיט אייך און זיך געפארעט מיט אייך איר זאלט האבן א שיין לעבן.
~~~~~~~~~~

איר האט זייער פיל טאלאנטן, און אז איר וועט זיך האלטן מיט אנשי שלומינו וועט איר קענען העלפן אן א שיעור אידישע קינדער.

פון איין זייט טראכט איך: 'וואס האב איך צו שרייבן? איר זענט דאך שוין אנגעווייטאגט אויף מיר, עס וועט נישט נוצן', אבער איך גלייב אין די ווערטער וואס שלמה המלך זאגט (משלי טו, א): "מַעֲנֶה רַךְ", ווייכע רייד, "יָשִׁיב חֵמָה", נעמט אוועק צארן און ווייטאג.

נעמט אן מיינע ווערטער וואס קומען ארויס פון מיין הארץ.

...

~~~~~~~~~~~

**שמחה איז א רפואה פאר אלע מחלות.**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת וישב, י"ט כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**מרת ... תחי'.**

א גרויסן דאנק פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל העלפן אז אין זכות פון די מצוה פון צדקה זאלן ענק האבן הצלחה אין אלע ענינים.

איך בעט אייך זייער איר זאלט זיך שטארקן מיט אמונה אינעם אייבערשטן; אמונה איז א רפואה, עס העלפן ארויס קריכן פון אלע שרעק, פאביעס, ענקזייעטי וכו' וכו'.

אויך זאלט איר שטענדיג הערן פריילעכע און לעבעדיגע מוזיק, ווייל שמחה איז א רפואה פאר אלע מחלות וחלאים רעים. אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן כד): "וְגַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים הֶאֱרִיכוּ בָּזֶה, שֶׁכָּל הַחוֹלַאַת עַל יְדֵי מָרָה שְׁחֹרָה וְעַצְבוּת, וְהַשִּׂמְחָה הִיא רְפוּאָה גְּדוֹלָה", אפילו די דאקטורים זענען מודה אז שמחה איז א רפואה פאר אלע קרענק.

איר זאלט טאנצן פאר שמחה אז איר האט א וואוילע מאן און געזונטע ליכטיגע קינדער; אמת איר זענט אריבער א שווערע יוגנט פון אייערע עלטערן און ברידערס וכו' וכו', אבער יעצט האט איר א נייע משפחה: "איר, אייער מאן און קינדער", דאס איז אייער משפחה.

ווען אייער מאן זאגט אייך למשל אז דאס טאר מען נישט אדער יענץ טאר מען נישט זאלט איר דאס נישט אננעמען נעגעטיוו; ער איז פשוט זייער דערשראקן צו זען ווי זיינע געשוויסטער זענען אוועקגעפאלן, ער האט א פחד אז ער וועט זיי נאכגיין, דערפאר ציט ער די שטריק אויף די אנדערע זייט.
~~~~~~~~~~~

איך בעט פאר אייך און איך קוק ארויס פאר אייער הצלחה.

...

~~~~~~~~~~~

**בלייב אין ישיבה און קום אין ישיבה יעדן טאג.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת וישב, י״ט כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

א גרויסן יישר כח פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין זכות פון די מצוה פון צדקה זאלסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

בלייב אין ישיבה און קום אין ישיבה יעדן טאג; גיי נישט נאך די בחורים וואס גייען אוועק פון ישיבה צו ארבעטן, דו וועסט נאך גענוג ארבעטן אין לעבן.

גיי נאך די וועגן פון דיינע ברידער; אלע פון זיי האבן געהאלפן די ישיבה אז עס זאל אנגיין מיט הצלחה, האט דער אייבערשטער זיי געגעבן הצלחה.

העלף מיר דרייוון די קינדער פון תלמוד תורה און מיידל סקול; בוי אויף די מוסד וואו דו וועסט עווענטועל שיקן דיינע קינדער.

וואויל איז דיר אז דו האסט נישט א סמארט-פאון מחובר צום אינטערנעט; דער אייבערשטער זאל דיר געבן כח צו בלייבן פעלזן פעסט נישט צו האבן אינטערנעט ביי דיר.

...

~~~~~~~~~~~

**מיט רצון איז מען מצליח, נישט מיט געלט.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת וישב, י״ט כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער תלמיד ... נרו יאיר.**

א גרויסן יישר כח פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין זכות פון די מצוה פון צדקה זאלסטו האבן הצלחה אין אלע ענינים.

אז דו וועסט עפענען א ״בית המדרש היכל הקודש״ אין דיין געגנט אין סטעטן איילענד וועל איך בלי נדר קומען צו אייך פון צייט צו צייט.

מען דארף נישט קיין מענטשן צו עפענען א בית המדרש, און מען דארף נישט קיין געלט צו האבן הצלחה מיט א בית המדרש, מען דארף נאר איין זאך: "א שטארקע רצון"; "א שטארקע ווילן" זיך נישט אפצושטעלן פאר גארנישט אויף דער וועלט.

טראכט אריין, ווען דו ביסט ווען נישט מקורב צום רבי'ן און דו ווייסט נישט פון די שכל פון רבי'ן, און עס גייט אריבער אויף דיר וכו' וכו', וואלסטו געוואלט אז איינער זאל דיר קומען ראטעווען פון וואס דו ביסט אריבער? אוודאי יא! אזוי זאלסטו שטענדיג טראכטן לגבי אנדערע אידן: 'איך וויל אז נאך א איד זאל וויסן פון די זיסע עצות פון רבי'ן; איך וויל אז נאך א איד זאל וויסן אז מען קען זיין אן ארבעטער וואס ארבעט שווער און דאך גיין אין שול דריי מאל א טאג דאווענען מיט מנין; איך וויל אז נאך א איד זאל וויסן אז די ווייב קומט פאר חברים, און חברים איז א ליגנט וואס קאסט א טייערע פרייז אויב מען היט זיך נישט פון זיי'.

איך ווארט צו הערן צי דו עפנסט א בית המדרש "היכל הקודש ד'סטעטן איילענד".

...

~~~~~~~~~~~

**זייך יעדן טאג מיט תלמידי היכל הקודש.**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת וישב, י"ט כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

א דאנק דיר פארן העלפן די ישיבה מיטן צושטייער געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין זכות פון די מצוה פון צדקה זאלסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

איבער מארגן הייבן מיר אן א נייע מסכתא צו לערנען יעדן טאג א דף גמרא, מיר הייבן אן "מסכת חולין" וואס מיר וועלן בעזר ה' מסיים זיין ערב פסח הבא עלינו לטובה.

וויל איך דיר מחזק זיין אז היות האברך היקר לי ... נרו יאיר לערנט פאר יעדע נאכט ביי אייך אין געגנט אין בית המדרש "היכל הקודש ד'בלומינגראוו" דעם בלאט גמרא, זאלסטו זיך מחבר זיין צו דעם שיעור.

עס איז א מורא'דיגע זאך אז אנשי שלומינו קומען זיך צוזאם יעדע נאכט צו לערנען א בלאט גמרא מיט די הקדמות פון הייליגן רבי'ן; אפילו דו פארשטייסט נישט וואס מען לערנט איז אויך גוט אז דו קומסט צום שיעור זיצן צוזאמען מיט אנשי שלומינו וואס פאלגן מוהרא"ש.
~~~~~~~~~~~

אחי היקר, עס גייט מיר בנפשי אז אלע תלמידים זאלן לערנען גמרא יעדן טאג.
איך שרייב דיר דאס נאר ווייל איך האב דיר ליב.

...

~~~~~~~~~~

**ווי מער מען דאנקט דעם אייבערשטן אלץ מער טוט דער אייבערשטער ניסים מיטן מענטש**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת מקץ, כ״ד כסליו, ערב חנוכה, שנת תשע״ט לפ״ק

**לכבוד ... נרו יאיר.**

היינט נאכט צינדן מיר שוין אן דעם ערשטן ליכטל פון די הייליגע מנורה.

חנוכה איז א צייט וואס מען קען זיך צוריק קערן צום אייבערשטן דורכדעם וואס מען הייבט אן צו זען אז די גאנצע טבע איז דער אייבערשטער און אלעס וואס פאסירט איז נאר פונעם אייבערשטן; דער אייבערשטער האט געמאכט אז אויל וואס איז נאר געווען גענוג צו ברענען איין טאג האט געברענט פאר אכט טעג (שבת כא:), אונז צו ווייזן אז עס איז נישט דא קיין ׳טבע׳, מקרה׳, ׳מזל׳; נאר אלעס איז דער אייבערשטער, און די גאנצע מציאות אז אויל ברענט איז אויך א נס (תענית כה.; שיחות מוהרא״ש חלק ד׳, ערך טבע).

זיי צייטליך אין שטוב אז דיינע קינדער זאלן זיין אנוועזנד ווען דו צינדסט די חנוכה ליכט; חנוכה איז א צייט פון חינוך הבנים והבנות, קינדער ווארטן און געדענקען דורכאויס זייער גאנצע לעבן די מינוטן וואס זיי האבן פארברענגט ביי די חנוכה ליכט.

ווען דו צינדסט די הייליגע מנורה זאלסטו דאנקען דעם אייבערשטן אויף די ניסים וואס דער אייבערשטער האט געטון מיט דיר און אויף די נסים וואס ער טוט ווייטער מיט דיר; ווי מער מען דאנקט דעם אייבערשטן אלץ מער טוט דער אייבערשטער ניסים מיטן מענטש.

איך גיי יעצט אריבער א שווערע צייט אינעם מוסד, מיר דארפן באצאלן די איינגעשטעלטע און מיר האבן נישט פון וואו צו נעמען געלט; בעט איך דיר טייערער ... באצאל שכר לימוד. האב רחמנות אויף מיר און זע אז מיר זאלן קענען ווייטער אנגיין מיט די מוסד; מיר האבן טייערע מלמדים און איבערגעגעבענע טיטשערס, אז זיי ווערן נישט באצאלט אין צייט ווי אזוי קענען זיי האבן סבלנות און די ריכטיגע צוגאנג צו די קינדער בשעת זיי האבן נישט אראפ צו לייגן ברויט אויפן טיש? ווען אלע עלטערן וואלטן געצאלט שכר לימוד וואלטן מיר געקענט באצאלן א גרעסערע געהאלט פאר די
~~~~~~~~~~

טייערע מלמדים אן די איבערגעגעבענע טיטשערס, מיר וואלטן זיי געקענט באצאלן אין צייט.

דערפאר בעט איך דיר מיין טייערער ... נרו יאיר, זע צו העלפן מיט וואס דו קענסט אז מיר זאלן ארויס גיין פון אונזערע חובות און קענען צאלן פאר די מלמדים און טיטשערס. ווען מען רופט דיר פון אפיס זאלסטו זיך וויסנדיג מאכן; הייב אויף דעם טעלעפאן ווען מען רופט דיר און ענטפער די טעקסט מעסעדזש ווען מען בעט דיר שכר לימוד. נעם נישט די מוסד פאר די לעצטע זאך אויף דיין ליסט, דאס איז דאך די וויכטיגסטע זאך; מיר דארפן קוקן אויפן מוסד ווי דאס איז 'אונזער לעבן'.

מיר פירן זיך אנצוטון די בגדי שבת ווען מיר צינדן אן די מנורה.

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א פרייליכן חנוכה.

...

~~~~~~~~~~

**מ'רופט מיר צו דין תורה פאר'ן זיי העלפן.**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת מקץ, כ"ד כסליו, ערב חנוכה, שנת תשע"ט לפ"ק

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

עס איז ריכטיג; נעכטן נאכט האב איך באקומען א הזמנה פון האברך ... מיט זיין ווייב.

דו ווייסט דאך די מעשה וואס איז געווען מיט אים; ער האט חתונה געהאט ביי די פינף און דרייסיג יאר און נאך אפאר יאר האבן זיי זיך גע'גט. דריי טעג נאכן גט זענען זיי געקומען צו מיר אז זיי ווילן צוריק גיין און זיי ווילן וויסן צי דאס איז א נארמאלע זאך, האב איך זיי געזאגט אז זיי זאלן דאס טון פאר זייער זון נרו יאיר, אן אומשולדיגער אינגעלע; דו ווייסט דאך וואס קינדער ליידן ווען עלטערן גט'ן זיך, האב איך זיי מעודד געווען אז זיי זאלן צוריק גיין, וכך הוה.

זיי האבן געוואלט איך זאל זיין זייער מסדר קידושין, האב איך זיי געזאגט אז זיי זאלן גיין צום רב, הרב ... נרו יאיר. אזוי ווי ער האט געמאכט דעם גט זאל ער זיין מסדר קידושין; אזוי איז געווען און זיי האבן ווידער חתונה געהאט.
~~~~~~~~~~

למעשה קריגן זיי זיך יעצט ווייטער און זיי האבן טענות אויף מיר פארוואס איך האב זיי צוגערעדט זיי זאלן נאכאמאל חתונה האבן, און דאס איז די הזמנה וואס זיי האבן מיר געשיקט.

איך וועל אם ירצה ה׳ גיין צום בית דין, ווייל אז בית דין רופט דארף מען גיין; הגם איך כאפ נאך נישט וואספארא טענה ער האט אויף מיר. ער האט זיך באליידיגט פון מיר נאכדעם וואס ער איז געקומען דאנערשטאג מיט זיין ווייב פארן שיעור און איך האב אים געזאגט אז איך האב נישט קיין צייט יעצט ווייל איך דארף געבן א שיעור, איז ער געלאפן צום בית דין וכו׳.

ברוך ה׳ אז מוהרא״ש האט מיר אנגעגרייט א גאנץ לעבן איך זאל וויסן וואס מענטשן זענען און וואס מען צאלט צוריק פארן העלפן מענטשן. מוהרא״ש האט מיר אויסגעלערנט נישט צו נעמען קיין געלט ווען מען איז עוסק אין שלום בית און אזוי טו איך; איך האב פאר זיי אוועק געגעבן אסאך פון מיינע טייערע שעות, און דו ווייסט אז איך בין זייער פארנומען וכו׳, אבער דאס באקומט מען ווען מען העלפט א צווייטן.

אפשר די פאר וואכן וואס זיי רופן מיר צו דין תורה וכו׳ וועלן זיי האבן שלום בית.

געלויבט דעם אייבערשטן אז דו רופסט מיר נישט צו דין תורה פארן דיר חתונה מאכן און זיך צערייסן פאר דיר.

יואל בן ריצא רעכיל.

~~~~~~~~~~

**לימוד גמרא פארברענט אלע קליפות.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת מקץ, כ״ד כסליו, ערב חנוכה, שנת תשע״ט לפ״ק

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

א גרויסן יישר כח פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין זכות פון די מצוה פון צדקה זאלסטו האבן הצלחה אין אלע ענינים.

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך האב זיך ממש מחי׳ געווען ווען איך האב געליינט אז דו האסט אנגעהויבן לערנען מסכת חולין - יעדן טאג א דף.
~~~~~~~~~~

מוהרא"ש האט מיר געזאגט כמה פעמים אז לימוד גמרא האט אזא כח אז עס פארברענט אלע קליפות און כל זמן א מענטש לערנט גמרא האלט ער זיך ביים אייבערשטן.

איך האב זייער הנאה אז דו לערנסט די בריוון פון "עצתו אמונה" און דו ביסט זיך מחי' דערמיט; איך בין גארנישט מחדש אין די בריוון, איך חזר נאר איבער וואס מוהרא"ש האט אונז געלערנט פון הייליגן רבי'ן.

טייערער ברודער, דער רבי זאגט: "יֵשׁ עִנְיָן שֶׁנִּתְהַפֵּךְ הַכֹּל לְטוֹבָה".

פון דיין ראש ישיבה וואס האט דיר זייער ליב.

...

~~~~~~~~~~~

**נישט צעפאלן פון בלבולים ווען מ'טוט אין הפצה.**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת מקץ, כ"ה כסליו, נר א' דחנוכה, שנת תשע"ט לפ"ק

**מרת ... תחי'.**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

א גרויסן יישר כח פאר די הכנסת אורחים וואס איר האט געטון מיט אונז; מיר האבן זייער הנאה געהאט צו זיין ביי אייך, בפרט מיין ווייב האט זייער הנאה געהאט צו זיין ביי אייך, און אויך אין אומאן.

עס שפירט זיך ביי אייך אין שטוב א ריינע און פרייליכע לופט, זיסע קינדער מיט א רואיגע מאמע און א טייערע טאטע; בלייבט איבער נאר אייך צו ווינטשן די ברכה וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תענית ה:): "אִילָן אִילָן בַּמֶּה אֲבָרֶכְךָ, אִם אוֹמַר, שֶׁיִּהְיוּ פֵּירוֹתֶיךָ מְתוּקִים, הֲרֵי פֵּירוֹתֶיךָ מְתוּקִים; שֶׁיְּהֵא צִלְּךָ נָאֶה, הֲרֵי צִלְּךָ נָאֶה; שֶׁתְּהֵא אַמַּת הַמַּיִם עוֹבֶרֶת תַּחְתֶּיךָ, הֲרֵי אַמַּת הַמַּיִם עוֹבֶרֶת תַּחְתֶּיךָ, אֶלָּא יְהִי רָצוֹן, שֶׁכָּל נְטִיעוֹת שֶׁנּוֹטְעִין מִמְּךָ יִהְיוּ כְּמוֹתְךָ", יהי רצון אז אייערע קינדער זאלן זיין ערליכע אידן און אויך טון פאר נשמות ישראל - זיי צוריק ברענגען צום אייבערשטן.

יעצט ווען מיר שטייען אין די הייליגע חנוכה טעג דארף מען זיך אפלערנען פון די הייליגע חשמונאים ווי זיי האבן געקעמפט מיט ציין און נעגל אנטקעגן די יוונים; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (בראשית רבה ב, ד) אז די יוונים האבן גוזר געווען "כִּתְבוּ לָכֶם עַל קֶרֶן הַשּׁוֹר, שֶׁאֵין לָכֶם חֵלֶק בֶּאֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל", מען זאל אויפשרייבן אויפן הארן פונעם קו ווערטער אנטקעגן די אמונה, און ווען די חשמונאים האבן מנצח געווען די יוונים
~~~~~~~~~~~

האבן זיי מתקן געווען אז נישט נאר מען זאל מזכיר זיין שטענדיג דעם שם שמים, נאר אפילו אויף אלע שטרות זאל מען אנהייבן מיטן אייבערשטנס נאמען (ראש השנה יח:); דאס איז וואס מיר פירן זיך אז יעדע מאל ווען מען הייבט אן שרייבן הייבט מען אן דעם בלאט מיטן אייבערשטנס נאמען: ׳ב"ה׳, ׳בס"ד׳, ׳בעזהשי"ת׳, ׳להו"ר׳; כדי אריין צו פרעגלען אז עס איז נישט דא קיין שום טבע מקרה מזל, נאר אלעס איז דער אייבערשטער.

שטארקט אייך ווייטער און זייט ממשיך צו פארשפרייטן אמונה פאר אידישע קינדער; דער רבי האט אונז געהייסן מיר זאלן מקרב זיין נשמות ישראל צום אייבערשטן, דאס דארף זיין אונזער זאך דורכאויס דעם גאנצן לעבן, נאר מודיע זיין פאר נאך א איד אז דער אייבערשטער איז מיט אים, ביי אים און נעבן אים.

ווען מען איז מקרב אידישע קינדער צום אייבערשטן דארף מען דאס טון לשם השם נישט דוקא צו ברענגען מענטשן צו מיין דעה און צו מיין שיטה; דער רבי האט בפירוש געזאגט "וואס גייט מיר אן אז א איד וועט בענטשן אן ערליכע ברכת המזון אן וויסן אז עס קומט פון מיר", דער עיקר איז אז עס זאל זיין ׳יתגדל ויתקדש שמיה רבה", דעם אייבערשטנס נאמען זאל ווערן געהייליג אויף די וועלט; ווען מען האט אינזין נאר דאס דעמאלט האט מען הצלחה אין די ארבעט.

דאס וואס איר שרייבט מיר פון אייערע בלבולים וכו׳, איר שרייבט אז איך וועל נישט פארשטיין וואס דריידט זיך אין אייער קאפ וכו׳; איך ווייס גאנץ גוט וואס איר גייט אריבער און איר זענט נישט דער איינציגסטער מענטש וואס האט בלבולים. איר דארפט פארשטיין אז יעדער איינער וואס טוט פאר אידישע קינדער אן קיין אייגענע אינטערסע האט די סארט קאפ דרייענישן.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סוכה נב.): "כָּל הַגָּדוֹל מֵחֲבֵרוֹ יִצְרוֹ גָדוֹל הֵימֶנּוּ"; ווי מער א מענטש איז עוסק אין הפצה, פארשפרייטן די ריינע אמונה פאר די וועלט אלץ מער גייט איבער אויף דעם מענטש, מען שפירט ווי מען טוט נישט די ריכטיגע זאך און מען איז פול מיט ספיקות צי מען טוט ריכטיג וכו׳.

דעריבער בעט איך אייך איר זאלט נישט האבן קיין חלישות הדעת און בלבולים; איר דארפט זיך פרייען אז איר האט די זכיה צו פארשפרייטן אמונה פאר טויזנטער אידן. אז מען איז זוכה אריין צו ברענגען אפילו נאר אין איין מענטש אפילו נאר איין הרהור תשובה איז שוין אלעס כדאי, דער זכות בלייבט לנצח נצחים.

איך האב נאך אסאך צו שרייבן אבער איך דארף אהיים לויפן צינדן די הייליגע מנורה.

א ליכטיגן חנוכה.

...

~~~~~~~~~~~

**אכטונג געבן אויף די קינדער און בחורים אין שול.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת מקץ, כ״ד כסליו, ערב חנוכה, שנת תשע״ט לפ״ק

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

איך דאנק דיר פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן צושטייער געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין זכות פון די מצוה פון צדקה זאלסטו האבן הצלחה אין אלע ענינים.

איך דארף פון דיר א טובה; אויב דו קענסט אנשטעלן די מאגינעט׳ס אינעם בנין הישיבה אז שבת זאל זיין פארשפארט די גאנצע חלק פונעם חדר. איך בין נישט רואיג בשעת׳ן דאווענען אויב די בנין איז אפן.

עס טאר נישט זיין קיין ליידיגע צימערן אפן ווען עס איז דא קינדער און בחורים; די הייליגע חכמים זאגן (קידושין נו:): ״לָאו עַכְבְּרָא גַּנָּב אֶלָּא חוֹרָא גַּנָּב״, דאס אז עס זענען דא מייז איז נאר אויב עס זענען דא לעכער, ווען עס איז נישט דא לעכער איז נישט דא קיין מייז; יעדע ליידיגע פלאץ וואס איז אפן איז נאך א לאך פאר צרות - רחמנא לצלן.

וויפיל קינדער און בחורים ווערן אומגליקליך ווען זיי קומען שבת און יום טוב אין בית המדרש דאווענען און ווערן פארשלעפט אין א לעכל מיט א מניוול.

איך האף אז דו וועסט דאס מאכן נאך די וואך בעפאר שבת חנוכה; עס זענען דא אפאר חדרים וואס די מאגינעט׳ס זענען צעבראכן. עס זיצן דארט אינגעלייט בשעת׳ן דאווענען און טרינקען ברוינפן וכו׳.

זע אז אלע חדרים זאלן זיין פארמאכט אז מען זאל זיך נישט האבן וואו צו דרייען; ווער עס וויל קומען דאווענען און הערן חיזוק זאל קומען, און ווער עס זוכט א ליידיגע פלאץ וכו׳ זאל גיין לחיים ולשלום ערגעץ אנדערש.

שטארק דיר און שטארק דיין ווייב; אלעס וועט אריבער גיין וכו׳.

איך האב זייער הנאה אז דו קומסט צום שיעור יעדן אינדערפרי.

דיין ראש ישיבה.

...

~~~~~~~~~~~

**דער אייבערשטער טוט מיט אונז גרויסע ניסים.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת מקץ, כ״ד כסליו, ערב חנוכה, שנת תשע״ט לפ״ק

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

א גרויסן דאנק פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין דעם זכות זאלסטו האבן הצלחה אין אלע ענינים.

מיר שטייען יעצט פאר דעם הייליגן יום טוב חנוכה; היינט נאכט צינדן מיר אן די ערשטע ליכטל פון די הייליגע מנורה.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן ב) אז די טעג פון חנוכה זענען טעג פון דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אויף אלע נסים, דאס איז שעשוע עולם הבא; ווען א מענטש דאנקט און לויבט דעם אייבערשטן איז דאס ׳עולם הבא׳, עס איז נישט פארהאן עפעס בעסערס פון דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן, און ווי מער א מענטש דאנקט דעם אייבערשטן איז ער נענטער צום אייבערשטן.

גיב א קוק די נסים ונפלאות וואס דער אייבערשטער טוט מיט דיר; דו האסט אזוי שיין חתונה געהאט און די האסט שוין ליכטיגע קינדער קיין עין הרע, ווי אויך האסטו פרנסה - נסים ונפלאות! ועל כולם - דער גרעסטער נס - אז מיר ווייסן פון הייליגן רבי׳ן וואס ברענגט אונז יעדע רגע נאכאמאל צוריק צום אייבערשטן; ווי אזוי וואלטן מיר אויסגעזען אן דעם רבי׳ן?!

דער רבי האט געזאגט: ״איך האב דריי סארטן מענטשן: 1) וואס קומען הערן מיין תורה; 2) וואס קומען עסן קוילטש; 3) וואס זענען איינגעקריצט אין הארץ״; דארפן מיר זיך כסדר באנייען און זען אז מיר זאלן זיין פון די כתה וואס זענען איינגעקריצט אין הארץ.

מיר זעען זיך טאקע ווייניג אבער דו ביסט מיר אויסגעקריצט אין הארץ...

פון דיין ראש ישיבה.

...

~~~~~~~~~~~

**צוריק באנייען צו לערנען משניות.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת מקץ, כ״ד כסליו, ערב חנוכה, שנת תשע״ט לפ״ק

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**
~~~~~~~~~~~

א גרויסן יישר כח פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל העלפן אז אין דעם זכות זאלסטו האבן הצלחה אין אלע ענינים.

יעצט שטייען מיר ביי די הייליגע יום טוב חנוכה; עס איז א צייט פון זיך באנייען זיך צוריק צו קערן צום אייבערשטן.

איך בעט דיר זייער זאלסט זיך צוריק באנייען צו לערנען משניות; דער הייליגער רבי האט געזאגט (שיחות הר"ן, סימן יט): "שֶׁאֲפִלּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אפילו א מענטש וואס איז זייער ווייט פון קדושה, ער טוט עבירות רחמנא לצלן, און ער איז שוין אראפ געפאלן אין שאול תחתיות, "אַף־עַל־פִּי־כֵן הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל־כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ - יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אויב וועט ער זיך מאכן א קביעות צו לערנען יעדן טאג "כך וכך" וועט אים די תורה ארויסשלעפן פון זיין בלאטע.

מוהרא"ש זאגט אז ער האט מקובל פון אנשי שלומינו אז די שיחה גייט ארויף אויף לימוד משניות; אז משניות האט א מורא'דיגן כח ארויסצושלעפן א מענטש פון די גרעסטע טומאות.

דער הייליגער רבי חיים וויטאל זכותו יגן עלינו ברענגט בשם דער אריז"ל אז ווער עס זינדיגט מיט די עקלדיגע עבירה מיאוס'ע עבירה פון משכב זכר, איז זיין תיקון (עץ חיים, שער הכללים, פרק יא): "שֶׁיִּתְעַנֶּה רֶגֶ"ל תַּעֲנִיּוֹת", ער דארף פאסטן צוויי הונדערט דריי און דרייסיג תעניתים וויפיל עס באטרעפט רג"ל און זכ"ר; ווער האט דען כח צו פאסטן? אבער אז מען פאלגט דעם הייליגן רבי'ן קען מען אלעס פאררעכטן.

דעריבער זאלסטו נעמען די משניות און זאגן יעדן טאג ח"י פרקים, דאס וועט דיר אפוואשן פון אלע שמוץ און דו וועסט קענען ארויסקריכן פון אלע טומאות.

איך ווארט צו הערן פון דיר וואס דיין פלאן איז; צי דו וועסט נעמען די עצה פון רבי'ן, אויב יא וועט דיר גוט זיין בזה ובבא.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**שטארק דיך אין הפצה.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת מקץ, כ״ד כסליו, ערב חנוכה, שנת תשע״ט לפ״ק

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר וזוגתו ... תחי׳.**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז איר זאלט האבן נחת פון אייערע קינדער און אלעס זאל אריבערגיין בנקל.

מוהרא״ש פלעגט שטענדיג זאגן פאר אינגעלייט וואס גייען האבן א קינד אז זיי זאלן מיטנעמען דעם ספר ״ליקוטי מוהר״ן״ און לערנען די תורה פון ״ימי חנוכה״ (חלק ב׳, סימן ב) דערנאך זאל מען זיך מתבודד זיין אויף די תורה און זאגן (תהלים, קאפיטל ק) ״מזמור לתודה״ אן א שיעור מאל, וואס דער קאפיטל איז מסוגל להולדה, און צוזאגן צו געבן צדקה (בלי נדר) אז אלעס זאל אריבערגיין בשלום.

דו טייערער ... נרו יאיר שטארק דיר ווייטער מיט דיין הפצה; עס ברענט א פייער, אידישע קינדער ווערן נעבעך פארברענט, יעדע רגע פאלן נאך קרבנות, מען קילט זיך אפ פון די אמונה און נאר די הייליגע ספרים און קונטרסים פון מוהרא״ש ברענגט זיי צוריק.

אין זכות וואס דו ביסט מפיץ די הייליגע ספרים פאר אידישע קינדער זאלסטו זוכה זיין צו בנים ובני בנים צדיקים.

א גרויסן יישר כח פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל העלפן אז אין דעם זכות זאלט איר האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

**אז מען פריידט זיך מיט די קלייניקייטן מאכט דער אייבערשטער גרויסע נסים; זען אז די קינדער זאלן בלייבן מיט גוטע און זיסע זכרונות פון חנוכה, דאס וועט זיי באגלייטן זייער גאנץ לעבן.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת מקץ, כ״ה כסליו, נר א׳ דחנוכה, שנת תשע״ט לפ״ק

**לכבוד ... נרו יאיר.**

מיר שטייען יעצט אין די טעג פון חנוכה וואס קומט אונז ווייזן ווי ווייט מען דארף זיך מחי׳ זיין מיט יעדע קלייניקייט.
~~~~~~~~~~

די הייליגע כהנים - די חשמונאים - ווען זיי זענען אריין געקומען אין בית המקדש האבן זיי געזען ווי אלעס איז טמא, אלעס איז צעבראכן, און דער אייבערשטער האט געהאלפן אז זיי האבן געטראפן דעם קליינעם קריגעלע אויל האבן זיי קודם געצינדן די מנורה מיט דאס ביסל אויל און דער אייבערשטער האט געמאכט א נס אז עס האט געברענט אכט טעג ביז מען האט געקענט ברענגען די פערטיגע כשר'ע אויל.

זעט מען פון דעם אז ביים אייבערשטן איז חשוב יעדע קלייניקייט; אפילו אלעס איז טמא, אלעס איז צעבראכן און אלעס איז חרוב, אבער די קליינע פך שמן טהור דאס האט דער אייבערשטער ליב. ווען מען נעמט דאס, מען צינדט דאס אן און מען איז זיך מחי' מיט דעם, העלפט דער אייבערשטער אז עס פאסירט ניסים.

איך פארשטיי דיינע בלבולים וואס דו גייסט אריבער; דו האסט שוין אזוי לאנג צוריק געוואלט זיין א גוטער איד און למעשה דערזעסטו זיך אבער ווי דו האלסט אין איין פוגם זיין, דו פאלסט נעבעך אראפ אין די געמיינע עבירה פון הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן, אלעס איז טמא; דאך זאלסטו נעמען דעם 'פך שמן טהור', דאס הייסט קוק אויף דיינע נקודות טובות און זיי זיך מחי' דערמיט, זיי זיך מחי' מיט דיין תפילין און ציצית. ווי נישט ביסטו אנגעפילט מיט מצוות, אזוי ווי עס שטייט (שיר השירים ד, ג): "כְּפֶלַח הָרִמּוֹן רַקָּתֵךְ", אזוי ווי די קערלעך פון א מילגרוים - זענען די אידן, דאס הייסט אזוי ווי א מילגרוים איז פול מיט קערלעך אזוי זענען מיר אנגעפילט מיט מצוות און מעשים טובים (ברכות נז:).

ווען א מענטש זינדיגט ווערט ער פארשמירט, - מיר זעען דאס נישט ווייל מיר זעען נישט די נשמה, מיר זעען נאר דעם גוף - יעדע עבירה וואס מען טוט ווערט דורכדעם א פלעק אויף די נשמה און ביז ווילאנג דער מענטש טוט נישט תשובה בלייבט נעבעך זיין נשמה פארשמירט, דעריבער דארף א מענטש קומען צום אייבערשטן און אים זאגן: **"טאטע, זיי נישט ברוגז אויף מיר; איך וויל זיין גוט, איך וויל זיין וואויל, וואס זאל איך טון אז איך בין אזוי צוגעקלעבט צו מיינע שלעכטע מעשים? וויפיל איך פראביר זיך אפצורייסן דערפון גייט עס מיר נישט, איך פאל אראפ מער און מער"**; און דורכדעם ווערט ער אפגעוואשן פון קאפ ביז פיס, זיין נשמה ווערט ריין.

די ארבעט פונעם יצר הרע איז אוועק צו נעמען מענטשן פונעם אייבערשטן; האט ער דאך מורא אז דער מענטש וועט זיך אפוואשן דורכדעם וואס ער וועט שרייען צום אייבערשטן און אים זאגן די פאר ווערטער: **"טאטע, איך וויל זיין גוט, טאטע איך וויל זיין ערליך"**, דערפאר מאכט ער אז דער מענטש זאל שפירן ביי זיך ווי קיינער דארף אים

נישט און ווי דער אייבערשטער איז חס ושלום ברוגז אויף אים, אזוי פארמיידט ער אז דער מענטש זאל רעדן צום אייבערשטן.

דערפאר בעט איך דיר מיין ליבער ברודער, הער נישט צו צו דעם יצר הרע, הער ענדערש צו צום הייליגן רבי'ן וואס האט געזאגט: "עס איז נישט דא קיין יאוש"; דער רבי האט געשריגן (ליקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן עח): "אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלָל!" זאגט רבי נתן (שיחות הר"ן, סימן קנג) אז דער רבי האט דאס געשריגן מיט זיין גאנצע כח, ער האט געשריגן בקול גדול: "גְּיְוַואלְד, זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, קֵיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַּארְהַאנֶען"; עס איז נישט דא אזא זאך ווי יאוש, עס איז נישט דא א מענטש וואס קען נישט תשובה טון און עס איז נישט דא קיין עבירה וואס מען קען נישט מתקן זיין.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן קיב): "אִם אַתָּה מַאֲמִין, שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן", אויב דו גלייבסט אז דו קענסט טון שלעכטס גלייב אויך אז דו קענסט פאררעכטן; מען דארף גלייבן אין דעם און וויסן אז דער אייבערשטער נעמט אן אונזער תשובה, ער ווארט אז דער מענטש זאל זיך צוריקקערן צו אים.

יעצט אין די הייליגע חנוכה טעג קען זיך א מענטש אינגאנצן באנייען און אנהייבן פונדאסניי; דער עיקר דארף מען זיך באנייען צו פאלגן דעם רבי'ן מיטן מאכן 'התבודדות' יעדן טאג. עס קומט טאקע אן זייער שווער ווייל דער ס"מ מאכט אז דער מענטש זאל נישט שרייען, אזוי ווי דער רבי האט דערציילט (סיפורי מעשיות, מעשה מבערגיר ועני) אז דער רוצח האט געזאגט פארן בת קיסר: "אויב דו געבסט איין שריי, וועל איך דיר דערווערגן און הרג'ענען"; דער רוצח דאס איז דער ס"מ, ער האט מורא פון דאס געשריי וואס א מענטש שרייט צום אייבערשטן, ווייל מיט איין שריי וואס מען שרייט צום אייבערשטן ווערט ער אויס, אלע עבירות וואס מען האט געטון ווערן אפגעווישט און מען ווערט זייער נאנט צום אייבערשטן, עם כל זה זאלסטו זיך באנייען און אנהייבן רעדן צום אייבערשטן; גיי אין א פלאץ וואו קיינער איז נישט דארט און פארצייל אלעס פארן אייבערשטן, שמועס דיר אויס דיין הארץ צום הייליגן באשעפער, זאג אים: **"רבונו של עולם, האב אויף מיר רחמנות! איך בין אזוי טיף פארפלאנטערט געווארן וכו' וכו', איך דארף אן עצה און א ישועה, איך וויל זיין ערליך און גוט; וואס זאל איך טון אז דער יצר הרע ברענט אין מיר, ער מאכט מיר משוגע יעדן טאג און ער ווארפט מיר אראפ אין עבירות. וויפיל איך וויל זיין וואויל, פאל איך נאך אלץ אראפ"**, אזוי זאלסטו מאריך זיין מיט דיינע אייגענע תפילות.

חנוכה זאלסטו אהיים גיין פרי כדי אנצוצינדן די מנורה צייטליך; מיר פירן זיך אנצוטון בגדי שבת בשעת מען צינדט אן די מנורה - סיי פאר זיך און סיי פאר די קינדער

- דורכדעם ווערט איינגעקריצט אין זייער מח די הערליכע בילד ווי זייער טאטע זיצט מיט די שבת׳דיגע קליידער ביי די מנורה, אזוי ארום וועלן זיי אויך אנצינדן די מנורה ווען זיי וועלן ווערן גרויס. בלייב מיט די שבת׳דיגע קליידער ווי לאנג דו זיצט ביי די ליכט.

קוק אריין אין ספר נר להצדיק וואו דו וועסט זען די סדר הזמירות וואס מען זינגט, נאך די זמירות זאלסטו פארציילן פאר די קינדער די נס פון חנוכה כדי אריין צו ברענגען אין זיי אמונה פשוטה אז זיי זאלן לעבן מיטן אייבערשטן און וויסן אז דער אייבערשטער פירט דער וועלט, נאכדעם זאלסטו זיין געבן חנוכה געלט.

איך גיי יעצט אריבער א שווערע צייט מיט די מוסד, מיר דארפן באצאלן אונזערע טייערע מלמדים און איבערגעגעבענע טיטשערס; אויב דו קענסט העלפן מיט עפעס רוף אריין אין אפיס.

א פרייליכן חנוכה!

...

~~~~~~~~~~~

**אריינגעמען בחורים צו די שבת סעודות.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת מקץ, כ״ה כסליו, נר א׳ דחנוכה, שנת תשע״ט לפ״ק

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

וואויל איז דיר און וואויל איז דיין חלק אז דו שטעלסט צו פאר אלע בחורים זיי זאלן האבן וואו צו עסן די סעודות שבת.

הכנסת אורחים איז זייער א גרויסע מצוה, אין דעם זכות וועסטו האבן נחת פון דיינע קינדער.

געב איבער פאר אלע אינגעלייט וואס נעמען אריין געסט אז זייער זכות איז זייער גרויס אויבן אין הימל, דאס איז חוץ פון די מצוה פון געבן צו עסן פאר בחורים וואס האבן נישט קיין שטובער און האבן נישט וואו צו עסן. עס זענען דא בחורים וואס עסן א גאנצע וואך א סענדוויטש וכו׳ און האבן נישט קיין פיינע ווארעמע מאלצייט פאר נאכטמאל, ווי פלייש וכו׳.

אבער חוץ פון די געוואלדיגע מצוה פון געבן צו עסן פאר די גופים האבן זיין א זכות אין זייער רוחניות. ווייל זייער אסאך בחורים האבן קיינמאל נישט געזען א שיינע שבת טיש, זיי קומען פון צעבראכענע שטובער וואו זיי האבן נאר געזען ווי מען קריגט
~~~~~~~~~~~

זיך לא עלינו, דאס האט גורם געווען אז זיי זאלן באקומען א פאלשע בליק אויף "אידישקייט", כאילו "אידישקייט" איז א שלעכטע זאך.

זייער אסאך פונעם יוגנט לאזן אפ אידישקייט נאר ווייל זיי האבן אין קאפ דעם פאלשער אימעדזש אז אידישקייט איז א נישט פרייליכע לעבן פון אזויפיל מיט מאכן קריגערייען ביי זיי אין שטוב.

דערפאר ווען זיי עסן א שבת סעודה ביי אנשי שלומינו און זיי זעען ווי שיין עס קוקט אויס א אידישער שטוב; דער טאטע זיצט אויבן אן ווי א קעניג, און די מאמע זיצט ווי א קעניגן מיט די ליכטיגע קינדער ביי די זייט. מען רעדט שיין און ליבליך איינער צום צווייטן, דאס מאכט אז זיי זאלן אפלאזן זייערע שלעכטע מחשבות וכו' און בלייבן ערליכע אידן מיט בארד און פיאות.

די הייליגע חכמים זאגן (שבת קכז.): "גְּדוֹלָה הַכְנָסַת אוֹרְחִים מִקַּבָּלַת פְּנֵי הַשְּׁכִינָה"; ווייל די הכנסת אורחים איז גורם אז נאך א איד זאל זיך אומקערן צו מקבל זיין פני השכינה.

איך האב שוין לאנג נישט געהערט פון דיר מעשיות פון הפצה; פארצייל מיר אלע מעשיות, בפרט ווען מען שרייט אויף דיר און מען פארשעמט דיר וכו'. איך וויל דיר מחזק זיין אז דו זאלסט נישט צעפאלן ווערן ווען מען פארשיקט דיר פון א שטוב, אויף מיר שרייט מען אויך, אזוי אויך פארשעמט מען מיר, נאר איך קוק נישט אויף דעם, איך קוק נאר צי איך קען מזכה זיין נאך א בחור און נאך א מיידל ליב צו האבן דעם אייבערשטן.

גיי הפצה און לאך זיך גוט אויס...

א גרויסן יישר כח פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין דעם זכות זאלסטו האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

**דורך דאווענען מיט מנין איז ממשיך השגחה.**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת מקץ, כ"ה כסליו, נר א' דחנוכה, שנת תשע"ט לפ"ק

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**
~~~~~~~~~~~

שטארק זיך ברודער און זיי זיך מחזק צו גיין ווייטער דאוועגען יעדן טאג אלע דריי תפילות.

די ערשטע זאך זאלסטו גיין אין שול דאווענען; אז מען דאוונט מיט מנין איז מען ממשיך אויף זיך די השגחה און דער אייבערשטער היט אפ דעם מענטש.

איך האב זייער הנאה יעדעס מאל דו קומסט אין ישיבה דאווענען און לערנען.

א גריס פון דיין ברודער ... נרו יאיר, ער איז זייער א וואוילער בחור; געב איבער פאר דיין טאטן נרו יאיר א גריס, זאל ער שעפן נחת.

איך האב נעכטן פארהערט משניות אין כתה ד׳, דיין נעפיו האט זייער גוט געקענט; געב איבער פאר דיין ווייב תחי׳ זי זאל זאגן פאר איר שוועסטער אז דער קינד איז א ליכטיג קינד, עס איז נישט צום גלויבן אז מען האט אים ארויסגעווארפן פון תלמוד תורה וכו׳.

פאר דעם קינד אליינס האט זיך מיר געלוינט צו עפענען אונזער חדר.

א גרויסן יישר כח פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין דעם זכות זאלסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

זיי געזונט.

...

~~~~~~~~~~

**א באס דרייווער מיט א משניות?**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת מקץ, כ״ה כסליו, נר א׳ דחנוכה, שנת תשע״ט לפ״ק

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

א באס דרייווער מיט א משניות? א באס דרייווער מיט א תהלים? וואו האט מען אזאנס געזען?! דו ברענגסט אריין נייע זאכן... אמאל האט יעדער געוויסט אז דרייוון א באס איז נישט א ארבעט וואס מען קען דערביי זיין אן ערליכער איד, אבער ווען מען זען דיר ווי דו זיצט אויפן באס - ווינטער אין די גרעסטע קעלט און זומער אין די גרעסטע היצן - מיט א משניות׳ל, דאס מאכט אז מען זאל זיך אפשטעלן טראכטן: ׳וואס גייט דא פאר?!׳ מען הייבט אן זען וואס ברסלב איז, מען הייבט אן זען אונזער גרויסקייט און אונזער שיינקייט, דו ביסט גורם א מורא׳דיגע קידוש השם.
~~~~~~~~~~

דעריבער בעט איך דיר טייערער ... נרו יאיר, חזק ואמץ; זיי ממשיך צו לערנען און דאווענען מיטן דרייוון א באס.

געדענק צו שמייכלען צו יעדע איינציגסטע קינד, בפרט צו די קינדער וואס מען רופט זיי "נישט חשוב'ע"; זיי זאלסטו מער מקרב זיין, אזוי וועלן זיי בלייבן אידן.

א גרויסן דאנק פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין דעם זכות זאלסטו האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

**'אמונה' און 'אמונת חכמים', איז דער יסוד אין לעבן.**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת מקץ, כ"ה כסליו, נר א' דחנוכה, שנת תשע"ט לפ"ק

**מרת ... תחי'.**

איך דאנק אייך פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל העלפן אז אין דעם זכות זאלן ענק מצליח זיין אין אלע ענינים.

דער הייליגער רבי האט געהייסן פאר רבי נתן זכרונו לברכה אז ער זאל שרייבן חידושי תורה, און ביי צוויי זאכן זאל ער פארשפרייטן זיין פען; דאס הייסט ער זאל שרייבן באריכות ווען ער שרייבט איבער דעם ענין פון 'אמונה' און פון 'צדיק', ביי די צוויי זאכן זאל ער שרייבן אסאך, ווייל דאס איז דער יסוד אין אידישקייט.

דאס זעלבע איז ווען איר גייט לערנען מיט די מיידלעך זאלט איר אסאך רעדן צו זיי פון 'אמונה' און פון 'אמונת חכמים', ווייל דאס איז דער יסוד אין לעבן.

אויך זאלט איר אריינלייגן אין זיי 'צניעות'; דאס שיינקייט פון גיין אנגעטון אידל און די שכר וואס מען איז זוכה צו באקומען ווען מען גייט אנגעטון בצניעות. צווישן אנדערע איז מען זוכה צו גוטע קינדער, אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות בנים, סימן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכֶּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים".

הלוואי זאלט איר גיין אין סקול מער אפטער צו לערנען מיט די מיידלעך; סיי צו די עלסטע קלאס און אויך צו די יונגערע.

יישר כח.
~~~~~~~~~~

...

~~~~~~~~~~

**וואויל איז דיר אז דו העלפסט אין סקול.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת מקץ, כ״ה כסליו, נר א׳ דחנוכה, שנת תשע״ט לפ״ק

**... תחי׳, תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וואויל איז דיר אז דו העלפסט אין סקול; אלע וואס ארבעטן אינעם מוסד דארפן וויסן און געדענקען מיר ארבעטן פארן רבי׳ן, מיר בויען אויף מוסדות וואו מען וועט מחנך זיין קינדער בקדושה ובטהרה אויפן רבינ׳ס וועג.

א גרויסן דאנק פארן מיר שיקן די צעטלעך פון אלע קלאסן וואס מען לערנט במשך די וואך; איך וויל דיר בעטן אויב דו קענסט עס צעטיילן באזונדער - יעדע קלאס וואס זיי האבן געלערנט, ווייל איך וויל מיטהאלטן וואס מען לערנט אין יעדע קלאס.

שטארק דיר ווייטער מיט תפילה והתבודדות; עס איז נישט שייך ביי מיידלעך לימוד התורה, אבער ווען עס קומט צו תפילה זענען פרויען און מיידלעך אויך מחויב צו דאווענען און צו רעדן צום אייבערשטן, דער רבי האט זייער אויסגעלויבט די תפילות פון אידישע פרויען.

נאך אביסל וועסטו טרעפן דיין שידוך.

...

~~~~~~~~~~

**אכטונג געבן וואו די קינדער דרייען זיך אין שול.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת מקץ, כ״ה כסליו, נר א׳ דחנוכה, שנת תשע״ט לפ״ק

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

א גרויסן יישר כח פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן צושטייער געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין דעם זכות זאלסטו האבן הצלחה אין אלע ענינים.

איך האף אז פון היינט און ווייטער וועסטו טון וואס מיר האבן גערעדט; איך וועל פרובירן אז דער בנין הישיבה ותלמוד תורה זאל זיין פארשפארט יעדן שבת ויום טוב

אז קינדער און בחורים זאלן זיך נישט דרייען דארט אן קיין השגחה. אבער אויב דו זעסט אז כיתות זענען אפן זאלסטו ארומגיין בשעת'ן דאווענען כמה פעמים און ווען דו זעסט קינדער זיך דרייען זאלסטו זיי זאגן: "דער ראש ישיבה לאזט נישט דא זיין", נאר זיי זאלן זיין אדער אין בית המדרש אדער אינעם האלווע"י פארן בית המדרש וואו עס איז ליכטיג און מען דריידט זיך דארט.

מען דארף זייער אכטונג געבן אויף קינדער אז זיי זאלן אויפוואקסן בקדושה ובטהרה; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שבת כג:): "הָרָגִיל בְּנֵר - הַוְיָן לוֹ בָּנִים תַּלְמִידֵי חֲכָמִים"; זאגט מוהרא"ש אז 'נר' מיינט מען צו זאגן דער וואס זוכט נאך זיינע קינדער אז זיי זאלן זיין אפגעהיטן, אזוי ווי חז"ל זאגן (פסחים ז:): "חִפּוּשׂ מְנֵּרוֹת"; זעט מען אז 'נר' מיינט זוכן - דער וועט האבן גוטע קינדער.

אויב קינדער האבן א ריינעם יסוד איז אלעס גרינגער נאכדעם, ווייל אלעס ווענדט זיך אינעם יסוד.

אויך וויל איך דו זאלסט מיר איבערגעבן די נעמען פון אלע בחורים וואס דרייען זיך אין די ליידיגע קלאסן.

איך האב נישט קיין מנוחה ווי לאנג דער בנין איז אן א השגחה.

...

~~~~~~~~~~~

**דאנקט פאר'ן העלפן די מוסדות.**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת מקץ, כ"ה כסליו, נר א' דחנוכה, שנת תשע"ט לפ"ק

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך וויל דיר דאנקען אויף דעם וואס דו האסט געגעבן פארן מוסד פינף טויזנט דאללער; איך גיי יעצט אריבער שווערע צייטן אינעם מוסד, מיר זענען שולדיג געהאלט פאר די איינגעשטעלטע, אין דיין זכות האבן מיר געקענט באצאלן א טייל פון די געהאלט פאר די מלמדים.

איך פרוביר נאך אלץ צו מחזק זיין דיין זון ... נרו יאיר; ווען ער קומט ארויף אין ישיבה געב איך אים א גוט ווארט און איך בעט אים אלץ ער זאל קומען צו די שיעורים זיך צו מחזק זיין.

דער אייבערשטער זאל העלפן דו זאלסט האבן אסאך נחת פון אלע דיינע קינדער.
~~~~~~~~~~~

נאכאמאל מוז איך דיר זאגן אז מיר האבן נישט געטראכט אז עס וועט זיין דו וואס וועט זיין דער ריכטיגער שליח.

א ליכטיגן חנוכה.

...

~~~~~~~~~~~

**ברודער שטארק דיר, נאך אביסל וועט שוין זיין גוט!**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת מקץ, כ"ו כסליו, נר ב' דחנוכה, שנת תשע"ט לפ"ק

**לכבוד ... נרו יאיר.**

מיר דארפן דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אן א שיעור אז מיר האבן זוכה געווען צו וויסן פון הייליגן רבי'ן; דער רבי איז אונז מחזק, מעודד, משמח און וועקט אונז אויף פון אונזער שלאף, אז מיר זאלן עפענען אונזער מויל און רעדן צום אייבערשטן.

מיר דארפן לויבן דעם אייבערשטן 'אשר בנחל' שם חלקינו וגורלינו אז מיר געפונען זיך אין היכל הקודש; יעצט חנוכה תשע"ט ווערט פינף און פופציג יאר זינט מוהרא"ש האט אנגעהויבן שרייבן בריוו, איבער זיבעציג טויזנט בריוו האט מוהרא"ש אפגעשריבן במשך זיין לעבן, וואס ווער עס לערנט די בריוון ווערט א בריה חדשה, עס בלאזט אריין א חיות אנצוגיין מיטן לעבן.

איך בעט דיר שטארק דיר מיט אלע דיינע כוחות, האב אמונה אינעם אייבערשטן אז ער וועט דיר נישט פארלאזן; זאג צו זיך אליינס: **"באלד וועט זיין גוט"**, **"נאך אביסל וועל איך ארויס גיין פון מיינע חובות"**.

דער הייליגער רבי נתן איז אמאל געווען אונטערוועגנס, ער האט געכאפט א היטש מיט א בעל עגלה וועלכער האט געפירט פילע זעק מיט מעל אין זיין וואגן, פלוצלינג האט אנגעהויבן גיין א רעגן, עס האט אזוי שטארק געגרעגנט אז אלע זעק מיט מעל איז געווארן טייג, אנשטאט ווערן דערביטערט און צעבראכן האט ער זיך אונטערגעזינגען א תנועה'לע צו זיך: **"יענקל שטארק זיך, יענקל שטארק זיך, באלד וועט גוט זיין"**; פאר רבי נתן איז דאס זייער געפאלן, האט ער גענומען דעם ניגון און געלייגט אויף דעם די ווערטער: **"וּמְנוֹתַר, וּמְנוֹתַר, וּמְנוֹתַר קַנְקַנִּים נַעֲשָׂה נֵס לַשּׁוֹשַׁנִּים"**, אזוי אויך, פון דאס ביסל גוטס וואס מען טרעפט ביי זיך וועט ווערן גרויסע ניסים.

גיי אהיים פרי; דיינע קינדערווארטן צו זען ווי דו צינדסט די מנורה, דאס וועט ביי זיי איינגעקריצט ווערן און פארבלייבן אין זייער מח פאר זייער גאנץ לעבן. ווען דו
~~~~~~~~~~~

צינדסט די מנורה זאלסטו פארציילן פאר דיינע קינדער וואס חנוכה איז, אז די יוונים האבן געוואלט אויסרייסן די אמונה און אריין ברענגען כפירות ואפיקורסות, מיר זאלן מיינען אז די וועלט פירט זיך דורך טבע - ווער עס איז שטארק דער געווינט, ווער עס האט א גרויסע מיליטער דער איז מצליח, אבער דער אייבערשטער האט געוויזן ווי מיט אפאר חשמונאים האט מען זיי באזיגט, אזוי ווי מיר זאגן (בימי מתתיהו): "מָסַרְתָּ גִבּוֹרִים - בְּיַד חַלָּשִׁים, וְרַבִּים - בְּיַד מְעַטִּים וְכוּ'", דו האסט איבער געגעבן גבורים אין די הענט פון שוואכע, און אסאך מענטשן אין די הענט פון ווייניג מענטשן; אלעס צו ווייזן אז דער אייבערשטער פירט דער וועלט און דער אייבערשטער קען יעדן איינעם העלפן. דאס זאלסטו פארציילן אין שטוב פאר די קינדער - אז דער אייבערשטער העלפט יעדן איינעם.

דער הייליגער רבי נתן זכרונו לברכה האט אמאל געזאגט פאר זיין תלמיד רבי נחמן טולטשינער זכרונו לברכה: **"אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין, לָאמִיר כָּאטְשׁ לִיבּ הָאבְּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; לָאמִיר כָּאטְשׁ מְקַנֵּא זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן נִישְׁט קְרִיגְן אוּיף אִים".**

דער אייבערשטער זאל העלפן דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א פרייליכן חנוכה.

...

~~~~~~~~~~~

**דיין שלום בית ווענדט זיך נאר אין דיר אליין.**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת מקץ, כ"ו כסליו, ב' דחנוכה, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערע ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

אפילו אן דעם וואס דו זאלסט מיר דאס שרייבן ווייס איך אז דו ביסט נישט מסודר און אז דיין שלום בית איז נישט מסודר; איך קען דיר זאגן פון אויסנווייניג אויף יעדן פון מיינע תלמידים צי זיי זענען מסודר צי נישט, מען דארף נישט קיין רוח הקודש דאס צו זען ווייל דאס קען יעדער זען; ווער עס האט שלום בית האט א פרייליכן פנים, א ליכטיגע פנים, און ווער נישט - זעט מען גלייך א טונקלקייט אויף זיין פנים.

איך האב אמאל באקומען א קאמפלימענט פון מוהרא"ש, ער האט מיר געזאגט מיט דעם לשון: "איך זע גלייך אויף א אינגערמאן צי ער האט געלערנט ביי דיר חתן
~~~~~~~~~~~

שיעורים צי נישט, ווען איך זע א אינגערמאן וואס איז פרייליך און זיין פנים שיינט, ווייס איך אז ער האט געלערנט ביי דיר"; איך האב זייער הנאה געהאט דאס צו הערן. למעשה אויך נאכן לערנען די חתן שיעורים דארף מען נאך אסאך חיזוק צו זיין פרייליך, קיינער האט נישט קיין גאראנטי אז ער וועט זיין פרייליך דורכאויס זיין גאנץ לעבן, מען דארף ארבעטן אויף דעם יעדן טאג באזונדער.

נישט אומזיסט האב איך דיר געפרעגט די וואך פארוואס דו ביסט נישט געקומען צום 'ליל שישי' שיעור, ווייל איך זע אויף דיר לעצטנס אז דו ביסט אויסגעלאשן און עס איז ממש א שאד אז דו קומסט נישט צום שיעור זיך צו מחזק זיין. וויסן זאלסטו אז דער 'שיעור ליל שישי' איז מיר מיין שווערסטע שיעור צו געבן ווייל איך האלט שוין נאך א לאנגע טאג ארבעט; איך הייב אן דעם טאג מיט דעם שיעור אכט אזייגער אין א בלאט בבלי און א דף ירושלמי, נאכדעם זיץ איך מיט די בחורים דורכאויס דעם גאנצן טאג, איך לערן פאר פאר זיי צוויי שיעורים - איינס פארמיטאג אין גמרא ביז הלכה למעשה, און די צווייטע שיעור - אביסל שפעטער - אין רבינ'ס ספרים. יעדע מיטוואך געב איך א שמועס פאר אלע טיטשערס פון בית פיגא און יעדן דאנערשטאג דארף איך זיין אין סקול וכו', אזוי אז ביז עס קומט סוף וואך - ליל שישי פארן שיעור שפיר איך ביי מיר אז איך האב שוין ממש נישט קיין כח, פונדעסטוועגן קום איך געבן דעם שיעור, פשוט ווייל איך וויל נישט די תלמידים פון ישיבה די אינגעלייט - זאלן צוריק פאלן.

בנוגע דיין פרנסה וכו'; נישט דיין ארבעט איז דער גורם צו דיינע פראבלעמען אין שלום בית, ווייל דיין שלום בית ווענדט זיך 'נאר אין דיר', דו דארפסט פרייליך מאכן דיין ווייב; ברענג נישט אריין אין דיין הויז דיין סעלפאון פון ארבעט, אנשטאט שפילן מיט דיין סעלפאון - שפיל מיט דיין ווייב, אנשטאט קוקן אין טעלעפאן - קוק אויף דיין ווייב, געב איר ליבשאפט און גוטע ווערטער וועסטו זען ווי אלעס וועט זיך צוריק איבער דרייען.

דערמאן זיך מיט יארן צוריק ווען דו ביסט געזעצן אין ישיבה און געוויינט אז דו דארפסט א שידוך; דערמאן זיך ווי ביטער עס איז דיר דעמאלט געווען, עס האט דיר אויסגעזען ווי דו וועסט שוין בלייבן שטענדיג אליינס, למעשה האט דער אייבערשטער געמאכט א נס אז דו האסט חתונה געהאט און דו האסט שוין ברוך ה' א שטוב מיט ליכטיגע קינדער, יעצט דארפסטו זיך צוריק דערמאנען די חסדים וואס דער אייבערשטער האט געטון און טוט מיט דיר. לערן די מעשה פון די זיבן בעטלערס - פון די הייליגע קינדערלעך וואס זענען פארלוירן געווארן אין וואלד, די אינגל און די מיידל

ווי זיי האבן זיך געבענקט נאך די זיבן בעטלערס וואס זענען זיי געקומען העלפן ווען זיי האבן נישט געהאט וואס צו עסן.

טייערער ... שטארק דיר! באניי זיך און הייב אן פונדאסניי צו לעבן; מאך דיר א שיעור אין רבינ'ס ספרים און אין די אידישע אשר בנחל, לערן עס אויפן קול ווארט ביי ווארט ווי עס איז געשריבן פאר דיר, עס איז נישט גענוג דאס צו ליינען מיט די אויגן - וועסטו ווערן א בריה חדשה.

טייערער ..., דראפע דיר און דערהאלט זיך; ר' יצחק דער זון פון רבי נתן שרייבט אין א בריוו פאר זיין טאטע - דער הייליגער רבי נתן זכרונו לברכה: "טאטע, מען מוטשעט מיר זייער"; אז ער האט געפערליכע ביטערע נסיונות, שרייבט אים רבי נתן צוריק (עלים לתרופה, מכתב יד): **"דאס וואס דו שרייבסט מיר אז מע מוטשעט דיך וכו'. וויסן זאלסטו מֶע מוּטְשֶׁעט אִיטְלִיכְען, מִיךְ הָאט מֶען שׁוֹין זֵעהֶר פִּיעל גִּימוּטשֶׁעט"; מיר מיטשעט מען אויך אסאך"**; יעדן איינעם מוטשעט מען, יעדער איינער האט גרויסע נסיונות, נאר מען דארף זיך דערהאלטן מיט אלע כוחות.

דאס זאג איך דיר אויך מיין טייערער ליבער הארציגער ברודער: "מיר מוטשעט מען זייער אסאך", אבער איך לויף שטענדיג צום רבי'ן און איך דערמאן זיך כסדר אין מוהרא"ש"; איך האב ביי מיר אין שטוב א בילד פון מוהרא"ש ווי מוהרא"ש שמייכלט און ווען איך קוק אויף דעם בילד טראכט איך צו זיך: 'אז מוהרא"ש האט געשמייכלט און זיך דערהאלטן דארף איך זיך זיכער דערהאלטן', מוהרא"ש האט געהאט יענץ לעבן, נאר צרות... אבער ער האט שטענדיג נאר געשמייכלט.

איך האף אז די פאר ווערטער וועט דיר מחזק זיין; איך וואלט דיר ווען געדארפט שרייבן א בריוו פון טויזנט בלעטער דיר צו מחזק זיין אבער איך מוז אריין לויפן צו די בחורים ווייל זיי דארפן מער פון טויזנט בלעטער חיזוק, זיי זענען טאקע א רחמנות ווייל זיי האבן נישט קיין שטוב; איך וועל דיר נאך שרייבן.

א פרייליכן חנוכה.

...

~~~~~~~~~~

**געטרייע עלטערן געבן אכטונג אויף די קינדער און לערנען זיי קלאר און דייטליך איבער די סכנות וואס קען זיי חס ושלום באטרעפן; אריינלייגן אמונה אין די קינדער; זיין שטארק אין לימוד גמרא.**

בעזרת ה' יתברך – יום ד' פרשת מקץ, כ"ז כסליו, נר ג' דחנוכה, שנת תשע"ט לפ"ק
~~~~~~~~~~

**לכבוד ... נרו יאיר.**

געב אכטונג אויף דיינע קינדער - מיט וועם זיי רעדן און מיט וועם זיי האבן שייכות. מען דארף אסאך רעדן צו קינדער זיי זאלן אכטונג געבן פון נישט געזונטע מענטשן; מען דארף רעדן אפן צו זיי, עס איז נישט גענוג אז מען רעדט צו זיי מיט רמזים ווייל קינדער פארשטייען נישט קיין רמזים, אז מען רעדט נישט צו זיי אפן אז זיי זאלן זיך היטן פון מניוולים; זיי זאלן וויסן אז קיינער קען זיי נישט אנרירן וכו׳, ווערלן זיי פאלן נאכדעם קרבנות פאר די קראנקע בעלי עבירה, און ווערן חס ושלום קאליקע׳ס פאר זייער לעבן.

פארשטייט זיך אז מען דארף אסאך תפילה פאר גוטע קינדער און עלטערן דארפן וויינען יעדן טאג צום אייבערשטן אז מען זאל זוכה זיין צו גוטע קינדער, אבער מען דארף אויך מחנך זיין די קינדער און זיי אנזאגן וואס איז סכנה׳דיג און פון וועם מען דארף אוועק שטיין; מען קען ווערן אומגליקליך פארן לעבן. אז א קינד פאלט א קרבן פאר א מניוול איז נישט דא וואס צו טון, דאס קינד ווערט אומגליקליך פארן לעבן. נעם אן וואס איך זאג דיר אפילו דו פארשטייסט עס נישט; איך וואונטש דיר אן א ברכה אז דו זאלסט קיינמאל נישט פארשטיין פארוואס מען דארף רעדן פון דעם און וואס איז די גרויסע רעש וואס מען מאכט פון דעם; אז דו וועסט הערן אפילו נאר איין מעשה פון די וואס זענען געפאלן פאר דעם וועסטו שוין פארשטיין וואס איך רעד.

ווען מען רעדט צו קינדער איז נישט דא קיין וכו׳ און קיין אנדערע ראשי תיבות; ביים שרייבן שרייבט מען וכו׳ וכו׳ אבער ווען מען רעדט דארף מען רעדן "קלאר און דייטליך"; א שאד צו ליידן שפעטער ווען מיט אביסעלע רעדן וואלט מען ווען געקענט איינשפארן אסאך עגמת נפש.

לייג אריין אין דיינע קינדער אמונה; יעצט חנוכה איז א צייט אריין צו לייגן אין די קינדער די ריינע אמונה, חכמינו זכרונם לברכה זאגן (בראשית רבה ב, ד) אז די יוונים האבן גוזר געווען: "כִּתְבוּ לָכֶם עַל קֶרֶן הַשּׁוֹר, שֶׁאֵין לָכֶם חֵלֶק בֶּאֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל", מען זאל אויפשרייבן אויפן הארן פונעם קו ווערטער אנטקעגן די אמונה; וואס עפעס האבן זיי דאס געהייסן אויפשרייבן אויף די הארן פונעם קו? איז מוהרא"ש דאס מסביר אז די יוונים האבן געוואלט אויסרייסן די אמונה פון די גאר קליינע קינדער וואס זענען נאך אין וויגעלע און טרינקען פון א באטל. אמאליגע צייטן פלעגט מען מאכן פונעם הארן א באטל פאר קינדער, די יוונים האבן געוואלט אז אפילו גאר קליינע קינדער וואס ליגן נאך אין וויגעלע און טרינקען נאך פונעם באטל, אויף זייער מילך באטל זאל שטיין

אויסגעקריצט אז מיר גלייבן נישט וכו׳, דארפן מיר יעצט טון דאס פארקערטע, שוין פון קליין ווייז אן זינגען מיט זיי ניגונים פון אמונה.

הלואי וואלסטו אנגענומען דעם סדר דרך הלימוד און געלערנט יעדן טאג א בלאט גמרא - אפילו אן פארשטיין, דאס וועט דיר העלפן ברוחניות ובגשמיות; מוהרא״ש זכרונו לברכה פלעגט נאכזאגן וואס דער הייליגער שר שלום פון בעלזא זכותו יגן עלינו האט געזאגט, אז ער האט געזען אסאך מענטשן וואס זענען נעבעך געליגן איינגעזונקען זייער טיף אין שאול תחתית רחמנא לצלן און זיי האבן אנגעפאנגען צו לערנען יעדן טאג א ׳דף גמרא׳, דורך דעם זענען זיי ארויס געגאנגען פון זייער בלאטע און זיי האבן זיך געקענט שטארקן אויף זייערע ביטערע נסיונות וכו׳; זעט מען פון דעם דאס גרויסקייט פון לערנען יעדן טאג א ׳דף גמרא׳.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א פריילכן חנוכה.

...

~~~~~~~~~~~

**וועגן תכלת אין די ציצית, און נאך.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת מקץ, כ״ז כסליו, נר ג׳ דחנוכה, שנת תשע״ט לפ״ק

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיינע בריוון.

זיי מיר מוחל אז איך קום נישט אן צו ענטפערן דיינע בריוון; זיי מיר דן לכף זכות, איך קום פשוט נישט אן צו מיין ארבעט.

איך וועל פראבירן צו ענטפערן על הסדר:

א - בענין התכלת וכו׳; עס איז נישט משנה וואספארא תכלת מען גייט, ווייל עס איז נישט דא דער פראבלעם פון שעטנז ביי ציצית. דער עיקר אז מען גייט מיט תכלת וואס דערמאנט פונעם אייבערשטן.

מען דארף דא באמערקן אז נישט דאס מאכט א מענטש פאר מער א ברסלב׳ער חסיד; איינער וואס וויל האבן מער שייכות מיט ברסלב זאל מער לערנען דעם רבינ׳ס ספרים, ברסלב׳ע חסידים - פון רבי אברהם ב״ר נחמן און ווייטער פירן זיך צו גיין מיט תכלת.
~~~~~~~~~~~

ב - איך באקום אלע דיינע מעסידזשעס איך קום אבער נישט אן דאס צו ענטפערן, רוב טאג געב איך שיעורים אדער בין איך פארנומען מיט מענטשן.

ג - איך וועל אייך אם ירצה ה׳ אויפנעמען פאר מיינע געסט צו זיין ביי מיר שבת; איך האף אבער אז איר וועט נישט האבן קיין חלישות הדעת נאכדעם וואס איר קומט צו פארן זיין ביי מיר שבת צו זען א פשוט׳ער מענטש פירט א פשוט׳ער שבת טיש.

ד - בנוגע אומאן וכו׳; נאך פסח וועט מען אם ירצה ה׳ צוזאמנעמען געלט פאר ראש השנה תש״פ פאר אלע וואס ווילן זיין ביי אונז אין אומאן, ביז דערווייל נעמט מען נאך נישט צוזאם געלט, עס וועט שטיין אינעם ״גליון היכל הקודש״ א נומער מיט וועם מען וועט זיך קענען פארבינדן.

ה - איך וועל פראבירן.

ו - לעת עתה איז נאך נישט שייך צו שרייבן פון דעם.

ז - קוק אויבן ביי די לעדער-העד פונעם בריוו וועסטו זען מיין אדרעסס.

שטארק דיר און זיי ממשיך מיט דיינע שיעורים כסדרן איפן סדר דרך הלימוד פונעם הייליגן רבי׳ן; עס וועט קומען א טאג וואס מען וועט זען דאס גרויסקייט פון די וואס האבן געפאלגט דעם רבי׳ן בתמימות ופשיטות.

א ליכטיגן חנוכה.

...

~~~~~~~~~~

**דער יום טוב חנוכה וועקט אויף צו לעבן מיטן מציאות.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת מקץ, כ״ח כסליו, נר ד׳ דחנוכה, שנת תשע״ט לפ״ק

**לכבוד ... נרו יאיר.**

מוהרא״ש האט דערציילט אז דער הייליגער צאנז׳ער רב זכותו יגן עלינו פלעגט יעדעס יאר חנוכה דערציילן די פאלגענדע מעשה; אמאל איז געווען א פרוי וואס האט געהאט א גרויסע משפחה מיט אסאך אייניקלעך און איר אייניקלעך, זי איז אבער געווען זייער ארעם, איינמאל האט זי צוזאמגענומען די גאנצע משפחה און זיי געזאגט די ווערטער: ״ווי לאנג נאך וועלן מיר זיך אזוי מוטשען מיט אזא שרעקליכע ארעמקייט? מיר דארפן טרעפן א וועג ארויס צו קריכן פון אונזער דחקות, יעדער איינער זאל טראכטן וואס מיר קענען טון ארויס צו גיין פון די שרעקליכע ארעמקייט״, האט זיך
~~~~~~~~~~

איינער פון די אייניקלעך גלייך אנגערופן מיט א לעצונג: "באבע'טשי איך בין אויפגעקומען מיט אן עצה, די איינציגסטע זאך וואס מיר האבן אינעם גאנצן הויז איז 'איין איי', לאמיר ארויפלייגן די איי אויפן טיש און יעדער זאל טראכטן וואס מען קען טון מיט דעם איי", מען האט אזוי געטון, מען האט גענומען דעם איי און געלייגט אויפן טיש. האט אן אייניקל פארגעשלאגן אז מען זאל נעמען דעם איי און לייגן ביים שכן אונטער איינע פון זיינע הינער אזוי וועט ארויס קומען פון דעם איי א הינדעלע, ווען די הינדל וועט גרויס ווערן וועט זי לייגן אייער און פון די אייער וועט ארויס קומען נאך הינדלעך ביז מיר וועלן קויפן א גרויסע הינער שטייג, אזוי וועלן מיר האבן געלט; א צווייטע אייניקל האט זיך אנגערופן ווען מען וועט קויפן דעם גרויסן הינער שטייג זאל מען דאס לייגן און הויף אויף א פלאץ וואו עס וועט קענען ארויס געבן אסאך אייער; א דריטער אייניקל האט זיך אנגערופן אז עס איז כדאי צו פארקויפן א טייל פון די אייער און קויפן מיט די געלט א קו און פון די קו וועט מען האבן מילך און פון די מילך וועט מען מאכן פיטער מיט קעז און דאס פארקויפן וועט מען קיין לייזן א שיינעם מטבע; רופט זיך א פערטער אייניקל: "אפשר זאל מען נאכדעם קויפן אפאר קוען, אזוי וועט זיין מער מילך?" בקיצור עס איז געווארן לעבעדיג אין שטוב, אלע האבן שוין געטראכט וואו עס איז די פאסיגסטע פלאץ צו בויען דעם שטאל פאר די קוען, ביז איינער האט געגעבן א שאקל דעם טיש... די איי איז אראפגעפאלן און עס האט זיך צעבראכן, האט די באבע געגעבן א געשריי: "אוי וויי, יעצט האבן מיר אלעס פארלוירן!"

האט דער הייליגער צאנזער רב אויסגעפירט: אז מען טראכט גוט אריין זעט מען אז דאס איז דער גאנצער לעבן פונעם מענטש; מען מאכט זיך חשבונות אז אויב מען וועט האבן געלט וועט מען קויפן הייזער און מאכן גרויסע געשעפטן און אזוי וועט מען האבן נאך מער געלט ביז מען וועט עפענען אן אייגענע פארבריק, אבער ביים סוף בלייבט גארנישט פונעם מענטש, ווייל ווען עס קומט אן דעם לעצטן טאג פונעם לעבן דארף מען אלעס איבער לאזן און צוריק גיין נאקעט צום אייבערשטן, דעמאלט נעמט מען מיט נאר דאס ביסל תורה ותפילה וואס מען האט אריין געכאפט יעדן טאג.

באמת איז דאס געווען די ציל פון די יוונים, אריין צו ברענגען אינעם מענטש דמיונות און נארישקייטן וואס מאכט פארגעסן פונעם תכלית; איז יעצט חנוכה ווען עס שיינט די אור הגנוז הייבט מען זיך אן מתבונן זיין אז אלעס איז נארישקייטן, מען הייבט אן שפירן דעם אייבערשטן אז אלעס איז דער אייבערשטער, עס איז גארנישט דא אויף די וועלט נאר דער אייבערשטער און עס איז נישט דא קיין אנדערע תכלית אויסער דינען דעם אייבערשטן (קוק נאך די מעשה אין ספר שיחות וסיפורים פון מוהרא"ש, אות לב באריכות).

אחי היקר, טייערער ברודער ... נרו יאיר, יעצט חנוכה הייב אן פונדאסנייַ; גיי אין שול דאווענען מיט טלית ותפילין - דאס זאל זיין דיין ערשטע זאך וואס דו טוסט ווען דו שטייסט אויף אינדערפרי, דאס וועט זיכער בלייבן פון אונז; דערנאך נעם א חומש און לערן יעדן טאג אביסל שנים מקרא ואחד תרגום - זונטאג ביז שני, מאנטאג ביז שלישי און אזוי ווייטער ביז סוף וואך. און אויב דו האסט נאך אפאר מינוט לייג צו רש״י, דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן יט) אז שנים מקרא ואחד תרגום איז א תיקון הברית; נאכדעם מאך דיר א שיעור אין משניות; הייב אן פון אנהייב מסכת ברכות, יעדן טאג זאלסטו לערנען משניות - וויפיל פרקים דו קענסט זאגן זאלסטו זאגן ביז דו וועסט ענדיגן סדר זרעים, און ווען דו וועסט ענדיגן סדר זרעים זאלסטו גיין צו סדר מועד, זאלסט נישט איבער חזר׳ן די פרקים וואס דו לערנסט פאר דו ענדיגסט נישט גאנץ ששה סדרי משנה.

אויך זאלסטו זיך מאכן א שיעור אין גמרא; אפילו דו פארשטייסט נישט זאלסטו זאגן ווייטער די ווערטער פון די הייליגע תורה, ווייל די ווערטער פון די תורה רייניגט דעם מענטש. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (עבודה זרה יט.): ״אָמַר רָבָא, לְעוֹלָם לִיגְרִיס אִינִישׁ וְאַף עַל גַּב דְּמִשְׁכַּח, וְאַף עַל גַּב דְּלֹא יָדַע מַאי קָאָמַר״, א מענטש זאל לערנען די הייליגע תורה אפילו ער פארגעסט וואס ער לערנט און אפילו ער פארשטייט נישט וואס ער לערנט, נאך זאגן חז״ל (שבת סג.): ״לִיגְמַר אִינִישׁ וְהָדַר לִיסְבַּר״, קודם דארף מען אסאך זאגן די ווערטער און נאכדעם קומט מען שוין צו פארשטיין.

אז דו וועסט דאס טון און זיך אזוי פירן וועסטו נישט דארפן קרעכצן אזוי ווי די אלטע באבע האט געקרעכצט ווען די איי איז אראפ געפאלן וכו׳, דו וועסט האבן סחורה אין דיין האנט.

היינט נאכט וועט זיין א שיעור אם ירצה ה׳, וואו מען וועט זיך מחזק זיין מיטן פך שמן טהור וואס מיר האבן געטראפן.

א ליכטיגן חנוכה.

...

~~~~~~~~~~~

**זיי נישט קארג אין שטוב אויף דיין ווייב׳ס חשבון.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת מקץ, כ״ח כסליו, נר ד׳ דחנוכה, שנת תשע״ט לפ״ק

**לכבוד ... נרו יאיר.**
~~~~~~~~~~~

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

זיי נישט קארג אין שטוב אויף דיין ווייב'ס חשבון און זע עס זאל זיין שפע אין שטוב; דער זוהר הקדוש זאגט (תיקוני זוהר, הקדמה ב.): "קַמְצָן נָבָל בְּמָמוֹנֵיהּ, דְּלָאו אִיהוּ נָדִיב וְלָאו אִיהוּ מִזַּרְעָא דְּאַבְהָן", א קמצן איז א נבל און דאס איז א סימן אז ער שטאמט נישט פון אידן רחמנא לצלן.

איך פארשטיי נישט וואס עס גייט פאר מיט דיר; דיין ווייב וויינט אז זי האט נישט וואס אנצוטון און זי גייט מיט צעריסענע וועש! פרעג איך דיר: "אזוי פירט זיך א איד?! דו שטעלסט א פנים ווי אן ארויפגעקוקטער מענטש, אין שול טיילסטו צדקות - און אויף דיין ווייב האסטו נישט קיין רחמנות?!

דער הייליגער רבי חיים ויטאל זכותו יגן עלינו שרייבט (שער המצוות, פרשת עקב) וזה לשונו: רָאִיתִי לְמוֹרִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה 'שֶׁלֹּא הָיָה חוֹשֵׁשׁ בְּעַצְמוֹ לְהִתְכַּבֵּד בְּמַלְבּוּשִׁים נָאִים יוֹתֵר מִדַּי', איך האב געזען ביי מיין רבי דער הייליגער אריז"ל אז ווען עס איז געקומען צו קויפן בגדים פאר זיך האט ער נישט געקויפט קיין טייערע קליידער, 'גַּם בְּמַאֲכָלוֹ הָיָה אוֹכֵל דָּבָר מוּעָט מְאֹד', אויך ביי עסן - ווען עס האט זיך גערעדט פאר זיך - האט ער נישט געגעסן קיין סאך, ער פלעגט עסן זייער ווייניג, 'אֲבָל בְּמַלְבּוּשֵׁי אִשְׁתּוֹ הָיָה זָהִיר מְאֹד לְכַבְּדָהּ וּלְהַלְבִּישָׁהּ', אבער ווען עס איז געקומען צו זיין ווייב האט ער זייער אכטונג געגעבן איר צו מכבד זיין מיט שיינע קליידער, 'וְהָיָה מַפִּיק כָּל רְצוֹנָהּ אַף אִם לֹא הָיְתָה יָדוֹ מַשֶּׂגֶת כָּל כָּךְ', ער האט איר צופרידן געשטעלט דאס מערסטע וואס איז שייך, אפילו ער האט נישט געהאט קיין געלט דערצו.

איך האף אז דו וועסט אננעמען מיינע ווערטער, וועט דיר גוט זיין בזה ובבא.

...

~~~~~~~~~~

**ווי אזוי קען מען ניצול ווערן אויף דער וועלט פון 'עולם התוהו'?**

בעזרת ה' יתברך - עש"ק פרשת מקץ, כ"ט כסליו, נר ה' דחנוכה, שנת תשע"ט לפ"ק

**לכבוד ... נרו יאיר.**

די וואך שבת איז זייער א גרויסער שבת; שבת חנוכה איז איינע פון די זמנים וואס מען פלעגט קומען צום רבי'ן. דער הייליגער רבי האט געזאגט אז ווער עס וועט קומען צו אים אויף די דריי זמנים: 'ראש השנה', 'שבת חנוכה' און 'שבועות' וועט געראטעוועט ווערן פונעם עונש פון עולם התוהו; מיר גלייבן אז דער רבי וועט אונז
~~~~~~~~~~

ראטעווען פון 'עולם התוהו' - אויף יענע וועלט, ווייל אויף די וועלט האט אונז שוין דער רבי געראטעוועט פון 'עולם התוהו'. מען דארף נישט שטארבן צו באקומען דעם עונש פון 'עולם התוהו'; מען קען זיך ארום דרייען דא בזה העולם און זיין תוהו ובוהו, פוסט און וויסט, נישט וויסן פארוואס מען לעבט און וואס מען האט צו טון.

ווען מען איז זוכה צו קומען צום הייליגן רבי'ן הייבט מען אן לעבן; מען הייבט אן שפירן דעם אייבערשטן און מען הייבט אן רעדן צו אים. יעדע זאך וואס גייט אריבער פארציילט מען פארן אייבערשטן און מען בעט אים ער זאל העלפן; דאס גאנצע לעבן האט גאר אן אנדערע באדייט און דאס הייסט געלעבט.

אבער קיינער איז נישט פארזיכערט אז ער וועט בלייבן ביים רבי'ן; דער יצר הרע האט זייער פיינט דעם רבי'ן און ער וויל אוועק שלעפן יעדן איינציגן מענטש פון רבי'ן. ער מאכט א געשפעט פון רבי'ן, ער ברענגט חשוב'ע מענטשן זאלן אוועק מאכן דעם רבי'ן, פלוצלינג הייבט דער מענטש אן צו באקומען משפחה, מען רעדט אפ וכו' וכו'; דערפאר דארף מען זיך זייער היטן נישט אריין צו גיין אין וויכוחים מיט קיינעם, ווייל דער וואס טענה'ט זיך און הערט אויס ליצנות אויף א צדיק וכו' וכו' וועט דאס אים נאכדעם אינגאנצן אוועק שלעפן וכו'. ליצנות איז אזא הארבע זאך אז אפילו א מענטש הערט צענדליגע דרשות פון יראת שמים און התחזקות און עס קומט א לץ און זאגט א ווערטל קעגן אים וכו' - האט דאס א שטערקערע השפעה אויף אים מער ווי אלע דרשות וואס ער האט געהערט.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן קלג): "שָׁמַעְתִּי בְּשֵׁם הַבַּעַל שֵׁם טוֹב", איך האב געהערט נאכזאגן פון הייליגן בעל שם טוב זכותו יגן עלינו, "שֶׁאָמַר", וואס ער האט געזאגט: "אוֹי וַאֲבוֹי, כִּי הָעוֹלָם מָלֵא מְאוֹרוֹת וְסוֹדוֹת נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים, וְהַיָּד הַקְּטַנָּה עוֹמֶדֶת בִּפְנֵי הָעֵינַיִם, וּמְעַכֶּבֶת מִלִּרְאוֹת אוֹרוֹת גְּדוֹלִים", גיוואלד! די וועלט איז פול מיט ליכט און וואונדערליכע פארכטיגע סודות, און דאס קליין הענטעלע פארשטעלט אלעס.

מוהרא"ש פלעגט שטענדיג זאגן אז דאס גייט ארויף ווען איינער קומט צום רבי'ן און הערט שיינע עצות און התחזקות ווי אזוי מען קען לעבן א שיינע לעבן און ווי אזוי מען קען זיך דערהאלטן - סיי מיט זיך אליין; סיי מיט פרנסה; סיי מיט א ווייב און קינדער, און מיט וואס נישט וכו' וכו'; ווייל דער רבי האט עצות אויף טריט און שריט, אבער - "אוֹי וַאֲבוֹי, הַיָּד הַקְּטַנָּה עוֹמֶדֶת וּמְעַכֶּבֶת מִלִּרְאוֹת אוֹרוֹת גְּדוֹלִים", דאס קליינע הענטעלע פארשטעלט אלעס. דאס הייסט אז איינער פרעגט אים: "וואו דרייסטו זיך?" און ווען מען ענטפערט ביים הייליגן רבינ'ס לייט, מאכט יענער מיט די הענט א תנועה

פון ביטול און פון דעם האט מען חלישות הדעת וכו'. אויף דעם האט דער הייליגער בעל שם טוב געשריגן: "גיוואלד"; און אויף דעם דארף מען טאקע שרייען: "גיוואלד, גיוואלד!"

יעצט שבת חנוכה איז א צייט פון אנטלויפן פון עולם התוהו; קוק אריין אין ספר פעולת הצדיק (סימן תתמו) די גאנצע מעשה באריכות וואס דער רבי האט פארציילט מיטן רב וואס האט געהאט א חבר און זיי האבן צווישן זיך אפגעמאכט מיט א 'תקיעת כף' אז ווער עס וועט פריער נסתלק ווערן וועט קומען דערציילן פארן צווייטן וואס עס טוט זיך אפ אויבן אין הימל. דער רב איז קודם נפטר געווארן און עס איז אריבער געלאפן גאנצע אכט און צוואנציג יאר ביז ער איז געקומען אין חלום צו זיין חבר, און עס האט זיך אויסגעשטעלט אז דער רב האט בכלל נישט געוויסט אז ער איז נפטר געווארן, ער איז נעבעך געווען אין עולם התוהו אכט און צוואנציג יאר; ווען דער רבי האט אויסגעפירט די מעשה האט דער רבי געזאגט בזה הלשון: "ווער עס וועט קומען צו מיר דריי מאל א יאר – 'ראש השנה', 'שבת חנוכה' און 'שבועות', וועט געראטעוועט ווערן פון דעם עונש פון עולם התוהו"; א פחד פון א מעשה, א מענטש גייט אוועק מזה העולם און זיין נשמה דריידט זיך אין 'עולם התוהו', ער מיינט אז ער לעבט נאך, דאס איז שרעקליכע יסורים פאר די נשמה.

יעצט איז א צייט פון זיך באנייען אנצוהויבן לעבן א עכטע לעבן און נישט זיין פארנומען מיט דמיונות; דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן ו): "הַיֵּצֶר הָרָע דּוֹמֶה כְּמוֹ מִי שֶׁהוֹלֵךְ וְרָץ בֵּין בְּנֵי־אָדָם, וְיָדוֹ סְגוּרָה וְאֵין אָדָם יוֹדֵעַ מַה בְּתוֹכָהּ", דער יצר הרע איז צוגעגליכן צו א מענטש וואס לויפט צווישן מענטשן מיט א פארמאכטע האנט, ער פאפט אויס אלעמען און פרעגט זיי: "וואס האב איך אין מיין האנט?" און פאר יעדעם דאכט זיך אז ער האט אין זיין האנט דאס וואס ער וויל, דעריבער לויפן אים אלע נאך ווייל מען מיינט אז מען וועט באקומען די זאך וואס מען וויל, "וְאַחַר־כָּךְ הוּא פּוֹתֵחַ אֶת יָדוֹ וְאֵין בָּהּ כְּלוּם", ביים ענדע עפנט ער זיין האנט און מען זעט אז עס איז גארנישט דא דארט, אזוי אויך - זאגט דער רבי - איז מיטן יצר הרע, "כְּמוֹ כֵן מַמָּשׁ הַיֵּצֶר הָרָע, שֶׁהוּא מְרַמֶּה כָּל הָעוֹלָם, וְהַכֹּל רָצִים אַחֲרָיו וּמְרַמֶּה לְכָל אֶחָד וְאֶחָד", ער רעדט איין א מענטש אז ער זאל אים נאכלויפן ווייל אזוי וועט ער באקומען אלע זיינע תאוות, אבער ביים סוף ווען דער מענטש גייט אוועק פון דער וועלט, עפנט ער זיין האנט און מען דערזעט זיך אינגאנצן אפגעפאטשט נאכדעם וואס מען איז אים נאכגעלאפן א גאנץ לעבן אומזיסט.

מוהרא"ש זאגט אז דער שיחה פון רבי'ן גייט ארויף בכלליות אויף אלע תאוות און בפרטיות אויף דעם וואס א מענטש לויפט נאך א מנהיג, א רבי וכו'; דער רבי לויפט ארום מיט א פארמאכטע האנט און אלע חסידים לויפן אים נאך, יעדער מיינט אז ער האט עפעס, ביז עס קומט דעם לעצטן טאג פון לעבן עפנט דער מנהיג זיינע הענט און מען זעט ליידיגע הענט השם ירחם; דערפאר ווען מען גייט צו א חבורה, א מנהיג אדער א גוטע איד וכו', דארף מען אלץ קוקן צי מען באקומט עפעס אין די האנט, ווייל אויב גייט מען אוועק פון דארט מיט ליידיגע הענט איז א סימן אז מען נארט זיך - דאס איז עולם התוהו. מען דארף זיך מאכן א גוטן חשבון הנפש: 'אפילו דער גוטער איד איז א צדיק, א באהאלטענער צדיק, א ל"ו צדיק, א צדיק וואס פליט אין הימל וכו', אויב קען ער מיר נישט מזכה זיין מיט מעביר סדרה זיין יעדע וואך, מיט לערנען יעדן טאג א בלאט גמרא וכו' דאן איז אלעס בלאף; אויב איך הייב נישט אן רעדן מיטן אייבערשטן, איך באקום נישט פון דעם פלאץ שכל ווי אזוי זיך צו פירן אין שטוב מיט די ווייב און קינדער אדער מכבד זיין מיינע עלטערן וכו' - איז אלעס נארישקייטן און איך בין אין עולם התוהו'.

דו האסט ברוך ה' א ווייב מיט קינדער - פארברענג מיט זיי; לויף נישט ארויס צו חברים, ענדערש גיי אהיים. די אלע וואס זיצן אין שמועסן מיט חברים - דאס איז עולם התוהו; פאלג דעם רבי'ן וועסטו ניצול ווערן פון עולם התוהו.

ערב שבת חנוכה צינדט מען קודם די מנורה און מען זינגט נישט קיין זמירות ביים צינדן; מען צינדט די ליכט, מען זאגט "הנרות הללו" און גלייך נאכדעם צינדט די ווייב די שבת ליכט.

א פריילעכן שבת, א ליכטיגן חנוכה און א גוטן חודש.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

# ~~~ שאלות ותשובות ~~~

### יעדן טאג דארף מען בעטן פאר געזונטע קינדער

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך הער אסאך אייערע שיעורים, און איך בין זיך זייער מחזק מיט זיי, יישר כח.

מיין ווייב ווארט ב"ה וכו', דער אייבערשטער זאל העלפן אלעס זאל זיין כשורה, איך בין אבער באזארגט צי מיר האבן זיך אויפגעפירט אלעס ווי עס דארף צו זיין, ווי למשל בייטאג וכו', צי ס'וועט נישט עפעס שאטן פאר'ן קינד.

יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת מקץ, כ"ו כסליו, נר ב' דחנוכה, שנת תשע"ט לפ"ק

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דאנק און לויב דעם אייבערשטן אויף די חסדים וואס ער טוט מיט דיר - אז דו האסט חתונה געהאט און יעצט ווארט איר שוין למזל טוב; זאלסט נישט אויפהערן צו דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן וועסטו זוכה זיין צו זען ווייטער חסדים.

מוהרא"ש זאגט אז דורכאויס די ניין חדשים וואס מען ווארט וכו' זאל מען יעדן טאג בעטן דעם אייבערשטן אז אלעס זאל אריבער גיין בנקל ובנחת בזכות די צדיקים וואס האבן זיך מוסר נפש געווען פארן אייבערשטן; דער רבי זאגט (ספר המידות, אות צדיק, חלק ב', סימן כ): "עַל יְדֵי הַזְכָּרַת שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים יְכוֹלִים לְהָבִיא שִׁנּוּי בְּמַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית, כְּלוֹמַר לְשַׁנּוֹת הַטֶּבַע", דורכ'ן דערמאנען די נעמען פון צדיקים קען מען טוישן די טבע; דעריבער איז גוט אז ווען מען בעט דעם אייבערשטן זאל מען ארויסזאגן די נעמען פון די צדיקים וואס מען געדענקט אויסנווייניג, צום ביישפיל: אברהם, יצחק, יעקב, משה, אהרן, יוסף, דוד און שלמה, רבי שמעון בר יוחאי, רבי יצחק לוריא אשכנזי, רבי ישראל בעל שם טוב, רבי נחמן בן פיגא מברסלב, רבי נתן מברסלב וכו' וכו', און נאך נעמען פון צדיקים וואס מען געדענקט, און נאכדעם זאל מען זאגן די תפילה:

"יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם, אִין זְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ דֶערְמַאנְט דִי נֶעמֶען פוּן דִי צַדִּיקִים; בִּזְכוּת זֵייעֶר תּוֹרָה, בִּזְכוּת זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים אוּן זֵייעֶר מְסִירַת נֶפֶשׁ וָואס

זֵיי הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, זָאלְסְטוּ הֶעלְפְן מַיין וַוייבּ זִי זָאל גֶעבּוֹירְן גְרִינְג אַ גֶעזוּנְט קִינְד בִּרְמַ"ח אֵיבָרִים וּשְׁסָ"ה גִידִים, אוּן זִי זָאל זוֹכֶה זַיין אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דִי אַלֶע טֶעג וָואס זִי וַוארְט - גְרִינְגֶערְהֵייט. נֶעם אַוֶועק פוּן אוּנְז אַלֶע מִינֵי עַיִן הָרַע'ס אַז קֵיינֶער זָאל אוּנְז נִישְׁט קֶענֶען שֶׁעדִיגְן. הֶעלְף אוּנְז אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן טוּן דַיין וִוילְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מַיין וַוייבּ זִי זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק אִיר גַאנְצֶע לֶעבְּן אוּן מִיר זָאלְן אֵייבִּיג טוּן נָאר גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ וֶועסְט הָאבְּן פוּן דֶעם אַ נַחַת רוּחַ, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִּי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ, יְ"יָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

איך שיק דיר אויך א תפילה פאר דיין ווייב וואס זי זאל מתפלל זיין יעדן טאג:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעבּוֹירְן גְרִינְג אַ גֶעזוּנְט קִינְד בִּרְמַ"ח אֵיבָרִים וּשְׁסָ"ה גִידִים אוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דִי אַלֶע טֶעג וָואס אִיךְ וַוארְט - גְרִינְגֶערְהֵייט. נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר אַלֶע מִינֵי עַיִן הָרַע'ס אַז קֵיינֶער זָאל מִיר נִישְׁט קֶענֶען שֶׁעדִיגְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן טוּן דַיין וִוילְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג טוּן נָאר גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ וֶועסְט הָאבְּן פוּן דֶעם אַ נַחַת רוּחַ. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נֶעם אָן מַיין תְּפִלָּה אוּן הֶעלְף מִיר שׁוֹין אִין זְכוּת פוּן אַלֶע צַדִיקִים, וּבִפְרַט אִין דִי זְכוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן אִין זְכוּת פוּן רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֵם זְאֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִי תְּפִלָּה, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ יְ"יָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

זיי זיך נישט מבלבל פון גארנישט וכו'; עס איז נישט שייך מאריך צו זיין אין דעם ענין אויפן פאפיר וכו', איין זאך זאלסטו געדענקען - דאס וואס רבי אברהם בן רבי נחמן זכרונו לברכה פלעגט זאגן: "קִינְדֶערְלֶעךְ, הִיט אַייךְ פוּן כְּרִיתוּת, ווען מען מעג - מעג מען אלעס וכו' און ווען מען טאר נישט - טאר מען גארנישט וכו'".

א ליכטיגן חנוכה.

...

~~~~~~~~~~~

**ווי אזוי פיר איך זיך מיט שחרית, ווען איך לויף שפעט צו די ארבעט?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,
~~~~~~~~~~~

א גרויסן יישר כח פאר די שיעורים און פאר מיין לעבן. איך ארבעט שווער פאר פרנסה, איך דארפן פארן יעדן טאג א ווייטע וועג צו מיין ארבעט, און אמאל פלעג איך לויפן פאר די שקיעה און לייגן תפלין ערגעץ אין א ווינקל, אבער זייט איך האב אנגעהויבן הערן די שיעורים דאווען איך ב"ה יעדן טאג אלע דריי תפלות מיט מנין, און איך גיי אין מקוה יעדן טאג חק ולא יעבור.

איך האב געוואלט פרעגן אזוי, איך בין זייער באגרעניצט אין צייט אינדערפרי, און איך קום אסאך מאל אן שפעט צום דאווענען. האב איך דאן צוויי ברירות, אדער אויסצולאזן די הללויה'ס און עס משלים זיין שפעטער אויפ'ן באס צום ארבעט, איידער איך הייב אן מיינע שיעורים, אדער קען איך דאווענען געהעריג און גארנישט אויסלאזן, אבער לכבוד דעם וועל איך נישט דאווענען מיט מנין. וואס איז ענדערש צו טון?

יישר כח נאכאמאל פאר אלעס.

יואל

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת מקץ, כ״ח כסליו, נר ד׳ דחנוכה, שנת תשע״ט לפ״ק

**לכבוד יואל נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וואויל איז דיר אז דו גייסט אין שול יעדן טאג דאווענען מיט מנין.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן ח): אויף דעם וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות נד.): עוג מלך הבשן האט געזאגט: ״מַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל כַּמָּה הַוֵי? תְּלָתָא פַּרְסֵי״, און ער איז געגאנגען און אויסגעריסן א בארג פון דריי פרסה, ער האט דאס געוואלט ווארפן אויף די אידן. האט דער אייבערשטער געמאכט א נס אז עס זענען געקומען קליינע ווערעמלעך און געלעכערט דעם בארג ביז דער בארג איז אים אריין געפאלן אויפן האלז און אים דערשטיקט, נאכדעם איז געקומען משה רבינו, ער האט געגעבן א שפרינג און אים דערלאנגט א קלאפ אויף זיין פיס און אים גע׳הרג׳עט.

זאגט דער רבי, אז ׳עוג מלך הבשן׳ דאס איז דער ׳יצר הרע׳ וואס ער האט פיינט יעדן איד און וויל אים הרג׳נען. ווען ער זעט אז א איד האלט זיך אין מחנה ישראל דורך די ׳ג׳ פרסה׳, דאס הייסט זיינע דריי תפילות, נעמט ער זיך איבער אים און זאגט: ׳איך וועל אויסרייסן פון אים די דריי תפילות, אזוי וועל איך אים ארויסנעמען פון מחנה ישראל׳.

דער יצר הרע פארלייגט זיך זייער שטארק אז א מענטש זאל אנהייבן מזלזל זיין אין דאווענען; קודם הייבט דער מענטש אן צו פארפאסן מנחה מעריב, נאכדעם הייבט

מען אן שניידן פון שחרית; מען ווערט א גאנצער תלמיד חכם - מען ווייסט שוין וואס איז דער עיקר דאווענען און וואס איז נאר א לכתחילה וכו׳ וכו׳, ביז מען הערט אויף אינגאנצן צו דאווענען; אזוי נעמט דער יצר הרע אוועק דעם מענטש פונעם אייבערשטן.

אבער דער צדיק אמת - משה רבינו - לערנט אויס פארן מענטש: ״געב א שפרינג״ - ״טאנץ ארויס פון בעט״, און ״טאנץ אריין אין שול״, מיט דעם הרג׳עסטו דעם יצר הרע. אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות נח.): ״בָּא לְהָרְגְךָ - הַשְׁכֵּם לְהָרְגוֹ״, לייגט דער זוהר הקדוש צו איין ווארט (הקדמת תקוני זהר, ח:): ״הַשְׁכֵּם לְהָרְגוֹ - בִּצְלוֹתָא״; הרג׳ע אים מיטן דאווענען, ווייל דורך דעם וואס מען מען דאווענט שחרית מנחה מעריב הרג׳עט מען דעם יצר הרע.

שנייד נישט קיין שטיקלעך ביים דאווענען; געוואוין זיך צו צו דאווענען פון ׳אדון עולם׳ ביז ׳עלינו לשבח׳ ווארט ביי ווארט אין א סידור. דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו האט געזאגט: ״נאך אלע כוונות וואס איך ווייס, ווען עס קומט צום דאווענען דאוון איך ווי קינד - בתמימות ובפשיטות״; דער עיקר איז צו דינען דעם אייבערשטן אן קיין שום דריידלעך.

א ליכטיגן חנוכה.

...

~~~~~~~~~~~

### ווי אזוי געבט מען זיך אן עצה מיט א שווערע שווער און שוויגער?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך האב חתונה געהאט פאר נישט צו לאנג, איך מיט מיין ווייב ארבעטן און מיר פרובירן אנצוגיין אין לעבן, איך בין אבער זייער פארווייטאגט אין לעבן, צוליב מיין שווערע שווער און שוויגער מיט וועמען איך בין אריינגעפאלן.

איך בין געווען זייער א גוטער און געלונגענער בחור, ווען ס'איז אבער געקומען צו שידוכים איז מיר געגאנגען זייער שווער, ווייל איך האב איין באבע וואס איז א ספרדי'שע, און ביי אונז אין חסידות ... איז דאס א געפערליכע זאך, און ס'שאדט זייער שטארק פאר א שידוך.

האב איך געמוזט מסכים זיין צו דעם שידוך, מיט א שווער און שוויגער וואס זענען נישט אינגאנצן בסדר, עס פעלט זיי נישט קיין געלט, אבער ביי זיי גייט עס אז די זין באקומען אלעס, זיי האבן געקויפט דירות פאר אלע זין, אבער די טעכטער באקומען גארנישט, שוין אינמיטן די שבע ברכות האבן זיי נישט געוואלט געבן פאר מיין ווייב צוויי שקלים ווייל זי האט שוין חתונה געהאט און זי באלאנגט שוין אין זייער משפחה...
~~~~~~~~~~~

דער מצב טוט מיר זייער וויי, און דאס מאכט מיר זייער דעפרעסט. פאר די חתונה פלעג איך דאווענען, רעדן צום אייבערשטן, און איך פלעג לערנען פלייסיג, אבער יעצט דאווען איך נישט שוין צייטליך, איך דאווען נישט מיט מנין, כ'האב שוין נישט געעפנט קיין גמרא אין דריי חדשים, איך בין זייער דעפרעסט און טרויעריג.

איך האף איר וועט מיר קענען מחזק זיין און ארויסהעלפן.

א גרויסן יישר כח,

ארי

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת מקץ, כ״ח כסליו, נר ד׳ דחנוכה, שנת תשע״ט לפ״ק

**לכבוד ארי נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

זיי מיר מוחל אבער איך פארשטיי נישט דיין פראבלעם; דיין שווער קומט דיר עפעס?! דיין שוויגער קומט דיר עפעס?! וואס איז מיט דיר געשען אז דו ביסט אזוי דיפרעסט - עד כדי כך אז דו גייסט נישט דאווענען און דו לערנסט נישט? טאנץ פאר שמחה אז דו האסט א ווייב, פארוואס זאלסטו נישט קוקן אויף די ניסים וואס דער אייבערשטער האט מיט דיר געטון; דער אייבערשטער האט געטון מיט דיר א נס אז דו האסט חתונה געהאט און דו האסט א טייערע ווייב, אנשטאט דו זאלסט דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אויף דעם נס, זוכסטו פון אונטער דער ערד אויף וואס זיך אפצורעדן... איך וואלט דיר געזאגט דו זאלסט אויף הערן צו באשולדיגן יעדן איינעם, ווייל קיינער איז דיר גארנישט שולדיג.

א מענטש וואס דאנקט דעם אייבערשטן אויף יעדע זאך ווייל יעדע זאך איז ביי אים ווי א מתנה; אז ער קען זען - איז דאס ביים אים א מתנה; אז ער קען הערן, רעדן און שמעקן - איז ביי אים ווי א מתנה און ער דאנקט יעדן טאג דעם אייבערשטן אויף די אלע זאכן - אזא מענטש איז נישט ברוגז אויף קיינעם, ער חזר׳ט שטענדיג צו זיך: ׳קיינער קומט מיר גארנישט און קיינער איז מיר גארנישט שולדיג; בפרט מיין טאטע מאמע, שווער און שוויגער און מיין ווייב זענען מיר גארנישט שולדיג, אדרבה איך בין זיי שולדיג ׳הכרת הטוב׳׳; אזא מענטש לעבט א זיסע און געשמאקע לעבן ווייל יעדע זאך וואס ער באקומט דאנקט מען און מען לויבט פון ווען מען האט עס באקומען.

איך האף אז דו רעדסט נישט צו דיין ווייב אנטקעגן אירע עלטערן; אפילו זי אליינס קען זיך אמאל אפרעדן אויף איר טאטע מאמע זאלסטו חס ושלום נישט רעדן אויף זיי,

ווייל דאס וועט איר זייער וויי טון און דאס וועט מאכן א פירוד אין דיין שלום בית. רעדט צו איר שיין פון אירע עלטערן, דאס וועט ברענגען קירוב לבבות צווישן אייך.

ווען דו גייסט צו דיין שווער און שוויגער זאלסטו זיי מכבד זיין, אזוי ווי די הייליגע חכמים זאגן (מדרש שוחר טוב, שמואל-א, כד): "חַיָּיב אָדָם בִּכְבוֹד חָמִיו כִּבִכְבוֹד אָבִיו", א מענטש איז מחויב צו מכבד זיין זיין שווער פונקט אזוי ווי ער דארף מכבד זיין זיין טאטע; נאך אביסל וועסטו שוין האבן א גרויס מיידל, טראכט אריין ווי אזוי עס וועט זיך שפירן ווען איינער וועט קומען און איר אנרעדן אנטקעגן דיר? ער וועט האבן אזויפיל שכל ווי דיר און ער וועט שרייען אז דו קומסט אים די גאנצע וועלט, ער וועט נאך ברענגען זיינע ראיות וכו׳, ווי אזוי וועט דיר עס שמעקן?

זע צו לערנען אין שטוב און גיי נישט ארויס ביינאכט, א אינגערמאן דארף זיין אין שטוב ביינאכט; לערן אין שטוב אז דיין ווייב זאל זען ווי דו לערנסט. א פרוי האט זייער ליב צו זען ווי איר מאן לערנט און זי קוקט אסאך מער ארויף איר מאן ווען זי זעט אים לערנען.

אז דו וועסט לערנען די הייליגע תורה וועסטו האבן פון אלעם גוטס; דו וועסט נישט דארפן געלט פון דיין שווער, אדרבה, דו וועסט האבן אזוי פיל אז דו וועסט נאך קענען העלפן דיינע עלטערן און דיין שווער און שוויגער, דו וועסט זיין א משפיע נישט קיין מקבל.

א ליכטיגן חנוכה.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~